STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06519

FREYD UN VUNDER

Malke Gottfried

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מלכה גאָטפֿריד

פֿרייד און וואונדער

מלכה גאָטפריד

פרייד און וואונדער

„מלכה גאָטפריד בוך־קאָמיטעט" דורך „איקוף" פאַרלאַג

JOY and WONDER

ציכענונגען: הערבערט קרוקמאַן

Copyright
MALKE GOTTFRIED
1 9 6 5

Published by YKUF, New York

Printed in U. S. A.

Knight Printing Corp., 382 Lafayette Street, New York
96

פון מחבר

איך דריק אוים מיין האַרציקן דאַנק צו דעם פּעטאַלומער „מלכה גאָטפריד בוך־קאָמיטעט”, אָנגעפירט פון די פריינט יאָסל ראַפּאַפּאָרט, לואיס זיסלמאַן און באָריס גורשטיין; צו דעם סאַן־פראַנציסקער בוך־קאָמיטעט, אָנגעפירט פון פריינט נייטן שניי־דער; אַלע ביישטייערער צום בוך־פאָנד, אַלע שטיצער אין דער אַבאָנענטן־קאַמפּאַניע לאָקאַל און אין די שטעט איבערן לאַנד.

איך אָנערקען מיט טיפער דאַנקבאַרקייט די דערמוטיקונג פון מילי גרינבערג — זי האָט מיך צוגערעדט שיקן מיין ערשט ליד צו דער „מאָרגן־פרייהייט”. מיין ספּעציעלן דאַנק מיין מאַן, זאַרי גאָטפריד, פאַר זיינע אָנווייזונגען, צו מיין פריינט און עלטערן קאָלעגע, דעם דיכטער י. א. ראָנטש, פאַר זיינע ווערטפולע אָנווייזונגען, צו דער „מאָרגן־פרייהייט”, צו מיין פרי פאַרשטאָרבענער ערשטער רעדאַקטאָרין דבורה טאָראַנט, איר נאָכפאָלגער, פ. האַנאָר. מיין אָנערקענונג צום מאָלער, הערבערט קרוקמאַן פאַר זיינע אילוסטראַציעס, מאַקס ראָזענ־פעלד פאַר זיינע איבערזעצונגען; און מיין רעדאַקטאָר איטשע גאָלדבערג.

מיין אָנערקענונג צו דער סביבה, דער נאַטור, די סאָנאָמאַ בערג, דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און דעם קליינעם ישוב פון פּעטאַלומאַ, קאַליפאָרניע.

מלכה גאָטפריד

אָקטאָבער, 1965.

פאָרוואָרט

עס פרייט אונדז ברענגען פאַרן לייענער-עולם די לידער פון מלכה גאָטפריד, וואָס דערשיינען צום ערשטן מאָל אין בוך-פאָרם.

מלכה גאָטפרידס לידער צייכענען זיך אויס מיט אַ זעל-טענער קלאָרקייט און פשטות. צי זי שרייבט פאַר קינדער אָדער פאַר דערוואַקסענע, פאַרהיט זי אַלע מאָל די זעלבע לויטער-קייט פון געדאַנק און בילד. גלייכצייטיק, האָבן אירע לידער אַ דידאַקטישן טאָן — זי איז אויסן עפּעס זאָגן און לערנען דעם לייענער, דאָס קינד צי דעם דערוואַקסענעם. דער עיקר וויל זי אים לערנען, אַז אומרעכט איז מיאוס און אַז קעגן עוולות דאַרף מען זיך ראַנגלען. דער מוסר-השכל איז אָבער אַלע מאָל אָנגעקליידט אין אַן אייגנאַרטיקן אימאַזש און וואַקסט אַרויס פון דער עמאָציאָנעלער שטימונג פון ליד.

צום סוף פון בוך קומען אַ צאָל לידער אין ענגליש, איבער-זעצט פון מאַקס ראָזענפעלד. דאָס איז געווען דער פאַרלאַנג פון דעם „מלכה גאָטפריד בוך-קאָמיטעט”. די כוונה פון קאָ-מיטעט איז געווען אַזוי אַרום דערגרייכן אַ ברייטערן לייענער-קרייז.

דער „איקוף” איז באמת צופרידן צו העלפן צוטראָגן די פרישע און פריידיקע לידער פון מלכה גאָטפריד צום יידישן לייענער.

א. גאָלדבערג

אינהאַלט

פּאַר קליין...

אַ מתנה דיר — מיין יידיש בוך — 11
דריי קעצעלעך — 13
מיין הינטל — 15
אין מיין גאָרטן — 16
אַ פייגעלע פליט פאַרביי — 17
גיסט אַ רעגן — 19
זיי ניט בייז — 20
די פייגלען און די קאַץ — 22
לויפט אַ ייִנגעלע — 24
אַ הינדעלע — 26
ציט אַ באַן זיך — 28
מיין ליאַלקע — 31
דער הונט „דאָטשי" — 33
מאַמעס באַהעלפער — 36
איינס צוויי דריי — 37
מיין ביכל — 38
שניי שפּיל — 40
שול און שפּיל — 42
אַ ייִנגעלע אַ טרוימער — 45
ים שפּיל — 47
דאָס ברודערל — 49
עמעט לואיס טיל — 52
אויף אַ פאַרם — 54
נייע שיכעלעך — 56
קינדער־פרייד — 57
דער מוזיק־מאַכער — 58
דער קעמפער — 59
אַ געבורטסטאָג — 60
ווייסער ברודערל ווי דו — 62
שניי און ווינט — 64
איך וויל זיין אַן עסקימאָס — 66
מאַרקעלע — 68
חד גדיא — 70
אין „זו" — 72
אַ שלאָף ליד — 73
שווינדל פויגל — 74
„די מאַדאַם" — 76
דער ווינט — 77
שוועסטערלעך און ברידערלעך — 79
ווען מען ווילט זיך גלויבן — 80
אינעם חודש מאַי — 81
שניי, פרייד און געלעכטער — 83
איך פרעג און פרעג — 84
אַ פּענעץ ברויט — 86
מיין קעצעלע — 88
חנוכה — 90
באַלאַדע וועגן אַ מעסערל — 92
דער קליינער רעדנער — 98
צוויי חברים — 99
זייפן בלאָזן — 100
די פייגל קומען — 102
וואָס מיר דאַכט — 103
הוידאַ־דאַ, הוידאַ־די — 105
ווינטער — 106
ניו־יאָרק — 107
סוף זומער — 110
וואו איז דער שכל — 111
האַרבסט — 112
מיין עפּל־בוים — 114
די חיות און דער יעגער — 115
ייִנגעלע דו קליינס — 118
פרילינג־פריילעכער פרימאָרגן — 119

מירעלעס חלום — 122
שנייעלעך — 124
באָבע־זיידע און דער נייער דור — 126
אין שולע — 132
די ווייסע דאַמע — 134
שלינג איין די טרערן — 137
שלאָף מיין קינד — 140
וואָס פון מיר זאָל ווערן — 142
איידער איך גיי אין בעט אַריין — 143
אַ פידל — 145
מיין שעפּס — 146
אין סופּער מאַרקעט — 148
די וועלט איז פול מיט וואונדער — 150

...און פאַר גרויס

סאַנאַמאַ בערג — 153
נאַטור און מענטש — 156
כ׳וויל אויסבויען אַ טורעם — 158
ס׳האָט אַ ראָזע זיך באַוויזן — 159
שכנים — 160
מיין לאַנד — 161
עקאַליפּטוס — 162
שלאָף מיין צאַרטע לערערין — 164
האָבן בלומען זיך צעבליט — 165
מיט דיר — 167
נאַטור לעבן — 168
צו שפּעט — 169
באַקלאָגסט זיך ניט — 170
בערעזינקע דו צאַרטע — 171
ווען אַ מענטש איז אַ מענטש — 172
די „באַלטיקאַ" — 173
כ׳וואָלט וועלן אַ קינד זיין — 175
גליק — 177
ס׳איז גוט — 178
פאַרבייט איך פּיין אויף פרייד — 179
וואַרט אַ וויל — 180
פאַרנעם זיך, זון — 182
יעקב שייפער — 184
וואָס הערט זיך אין וועלדעלע — 185
איך זינג צו דיר, אָ לינקאָלן — 186
ניו־יאָרק — 187
דער מאַרש קיין סעלמאַ — 189

פאַר קליין...

אַ מתנה דיר — מיין יידיש בוך

איך וועל דיר אַ מתנהלע,
מיין טייער קינד, היינט געבן.
אַ לידער בוך, אַ יידיש בוך,
מיין שפּראַך, מיין שטאָלץ, מיין לעבן.

ס'איז דיר פרעמד דער אות, מיין קינד,
דאָס וואָרט פילייכט ניט גערן,
דריק צו צום האַרצן דאָס יידיש בוך,
וועט עס דיר אייגן ווערן.

ווען גאָר אַ קליינס דו ביסט געוועזן,
אין וויגעלע נאָך ליגן,
פלעג איך דיר מיט אַ יידיש ליד,
מיט יידיש־קלאַנג איינוויגן.

דו רעדסט די שפּראַך פון נייעם דור,
פון לאַנד וואו ביסט געבוירן,
דיין בלוט האָט איינגעזאַפּט מיין לאַך,
מיין פּיין פון אַלע יאָרן.

און פאָרסטו איבער גאָרער וועלט,
זאָל דיר ניט זיין קיין חידוש,
מען וועט דיר אָנצייגן דעם וועג,
אויב פרעגן וועסט אויף יידיש.

דו זינג מיין ליד, מיין יידיש ליד,
און מעג עס אַנדערש קלינגען,
כ׳האָב אויך דעם זמר ניט געקאָנט,
וואָס ס׳פלעגט מיין טאַטע זינגען.

ס׳איז טייער מ׳ר דאָס יידיש בוך,
האָב איך עס דיר געשאָנקען,
און זאָל עס זיין אַן אָנדענק דיר,
מיין שפּראַך דו זאָלסט געדענקען.

דריי קעצעלעך

ס׳האָט מיין קאַץ דריי קעצעלעך,
דריי קליינינקע געהאַט:
אַ ווייסינקע, אַ שוואַרצינקע,
אַ ברוינינקע כמעט.

כאַפּט דאָס ווייסע קעצעלע
דעם שוואַרצן ביי דעם עק —
שפּרינגט אַרויף דאָס ברוינינקע
און טרייבט אים באַלד אַוועק.

קוועלט די מאַמע־קאַץ פון זיי,
לעקט יעדערן באַזונדער:
ווייס צי שוואַרץ, ברוין צי געל
— אַלע אירע קינדער.



ברענגט מאַמע־קאַץ צו קינדערלעך
אַ מייזעלע צוטראָגן,
פאַנגען אָן די קעצעלעך
מאַמען נאָכצויאָגן.

טיילט מאַמע איין דעם חלק גלייך,
טוט קיינעם ניט פאַרגעסן.
ווייס צי שוואַרץ, געל צי ברוין —
אַלע דאַרפן עסן!

מ י י ן   ה י נ ט ל

בוטשי, הייסט מיין הינטעלע.
ער ליגט און היט מיין פענצטער.
פון אַלע הינט אַרומיקע,
איז ער ביי מיר דער שענסטער.

ווערט מיין הינטל אומעטיק —
איז קעצל אויך אַ חבר.
גיט ער זיך אַ יאָג נאָך איר
אַ פריילעכער, אַ זשוואַווער.

נאָר קאַץ איז פלינקער פון דעם הונט.
אַ שפּרונג — און איז אַנטרונען.
און מיט אַמאָל ניטאָ שוין מער
דער פריינט, וואָס ער׳ט געפונען.

לייגט ער זיך צוריק אַוועק
ביים פענצטער אָן גערודער.
טוליעט זיך דאָס קעצל צו,
און ווערט צו אים אַ ברודער.

קאַץ און הונט איז אַזוי וואויל
צו לעבן זיך בשלום.
אין שפּיל און רו, אין שלאָף און וואָר,
אַפילו אויך אין חלום.

אין מיין גאָרטן

גיב מיר דיינע הענטעלעך,
וועל איך דיך לערנען ציילן.
און וועל דערביי אַ מעשהלע,
אַ שיינע דיר דערציילן.

ס׳איז דאָ ביי מיר אַ טייכעלע
אין גאָרטן צווישן בלומען.
און פישעלעך פאַרשיידענע
אין דעם טייכל שווימען.

די פישעלעך ווי בלימעלעך
טונקעלע און העלע,
ווי שמעטערלינגען פלאַטערן,
ברוינינקע און געלע.

עס שווימען אום די פישעלעך,
פילפאַרביקע און גלאַטע.
די מאַמע — האַלב אַ טונקעלע,
ווי גאָלד קוקט אויס דער טאַטע.

עס גיט די זון זיי וואַרעמקייט
און בלומען גוטע זאַכן.
זיי שווימען אום צופרידענע,
מיר דאַכט, איך הער זיי לאַכן.

עס זיצט אַ זשאַבע ביי דעם ברעג,
עס שרעקט זיי ניט איר ברומען.
די זשאַבע איז אַן איינזאַמע,
איז זי צו זיי געקומען.

אין פריינטשאַפט לעבן פישעלעך,
דאָס טייכעלע באַצירן.
נאַטור האָט אַלעמען באַגליקט,
באַרייכערט מיט קאָלירן.

אַ פייגעלע פליט פאַרביי

פליט אַ פייגעלע פאַרביי,
פישטשעט, זינגט און פרייט זיך.
אויף דעם דראָט פון טעלעגראַף
הוידעט זיך און דרייט זיך.

וואַסער קאַפּעט פון אַ קראַן,
ווערט אַ קליינטשיק טייכל.
שפרינגט דאָס פייגעלע גלייך צו,
וואַשט זיך אויס דאָס בייכל.

ציט עס אויס די פעדערלעך,
ווערט פון זון גלייך טרוקן.
פליט עס אויפן פלויט אַרויף.
גלייכט זיך אויס דעם רוקן.

זעט עס וואו אַ ווערעמל,
מאַכט פון דעם אַ מאכל.
בויט אַ נעסט זיך אויס פון שטרוי,
בלאָטע קלעפּט פון טייכל.

פליט עס הויך, און פליט עס פריי,
האָט ניט וואָס צו זאָרגן.
אויב די נאַכט וועט קומען באַלד
איז ניט ווייט דער מאָרגן.



ג י ס ט אַ ר ע ג ן

גיסט אַ רעגן אויף מיין בייט,
אויף זוימען וואָס כ׳האָב פאַרזייט,
וועלן וואַקסן מערלעך, ציבל,
אַלע גרינסן וואָס כ׳האָב ליב.

וועט צעבליען זיך אַ בלום
גרינע גראָזן אומעטום.
ערד וועט ווערן ווייך און רייך
און דאָס וואַסער פריש אין טייך.

דאָרט אין וועלדל לעם אַ בוים,
וועט אַרויסוואַקסן אַ שוואָם,
און פון בערגל פליסן זיך
וועט אַ וואַסערל אויף גיך.

וועט עס רעגענען אַ סך,
וועט זיך אָפּוואַשן דער דאַך,
וועט צעבליען זיך אַ רויז
לעם מיין ריינעם שיינעם הויז.

כ׳וועל אַראָפּנעמען די שיך
און אַרויסלויפן אויף גיך,
מיינע פיסלעך מיינע נאַס
אין דער לוזשע אויפן גאַס.

וועל איך שטיפן, לאַכן הויך,
ווי אַ בלום כ׳וועל וואַקסן אויך,
קאַפּע רעגן, פליוכע, גיס,
וועסט באַלד אויפהערן געוויס.

זיי ניט בייז!

מאַמע גוטע, זיי ניט בייז,
שלאָג ניט אָן מיין הענטל!
בלויז איין פינגערל ט׳געקריצט
דאָס פאַפיר פון ווענטל.

האָסט געלייגט מיך שלאָפן פרי,
די זון נאָך ניט פאַרגאַנגען;
און פאַרגעסן האָסטו זיך
די פענצטער גוט פאַרהענגען.

איז פון וואַנט געוואָרן וואַלד,
אויף פאַפיר אַ ביימל,
און פאַר די שעפּסעלעך אַרום
האָט זיך אויסגעקריצט אַ היימל.

מאַמע, שריי ניט אַזוי הויך,
מאַך ניט אַזאַ ליאַרעם!
כ׳האָב באַשטראָפט מיין גאַנצע האַנט,
אַפילו אויך מיין אָרעם.

כ׳האָב פאַרדעקט זיך ביזן האַלדז,
אַ גוטע גיי איך שלאָפן.
דאַרפסט מער מיינע פינגערלעך
און הענטלעך ניט באַשטראָפן!

כ׳האָב פֿאַרבלאָנדזשעט אין מײַן וואַלד,
פֿאַרגעסן כ׳בין אין בעטל,
און אויפֿן וואַנט האָט זיך געקריצט
פֿון חיהלעך מײַן צעטל.

ווען דו וואָלסט זען די שעפּסעלעך
אין וואַלד בײַ מיר די שײנע,
וואָלסטו ניט געשמיסן מיך,
אַ מײדעלע, אַ קלײנע.

די פייגלען און די קאַץ

וואַקסט אַ בוים לעבן מיין הויז
הויך און שטאַרק און ברייט.
אויף דעם בוים עס בויט אַ נעסט
אַ פייגעלע מיט פרייד.

לייגט זי אייעלעך אין נעסט
קליינינקע ווי ניס.
וואַקסן אויס די פייגעלעך,
זינגען צוקער זיס.

פליען זיי פון צווייג צו צווייג
מיט פליגעלעך גאָר יונג.
אָט גיבן זיי אַ קליינעם פלי,
אָט גאָר אַ גרויסן שפרונג.

מאַמע לייגט אַ ווערעמל
דעם פויגל-קינד אין מויל;
און לערנט עס צו פליען הויך
צו לעבן פריי און וואויל.

באָדן פויגלען זיך אין זאַמד,
שפילן זיך מיט אַ בלום.
טרעלן זיי און זינגען צאַרט
און בלייבן ווידער שטום.

קוקט אַרויף די גרויע קאַץ
מיט קנאה אויף דעם בוים,
ווי פייגלעך פליען אין דער הויך,
און זי, זי רירט זיך קוים.

נעגל שאַרפע האָט די קאַץ,
מאַכט זי אַ פאַרמעסט,
אַ שפּרונג צום בוים, און האַלט זיך אָן
און קוקט אַרויף צו דער נעסט.

פייגלען האָבן פליגעלעך,
דער הימל ז׳הויך און ברייט.
דערזען די קאַץ — אַ פלי אַרויס,
אַנטלאָפן פון דעם טויט.

קלעטערט קאַץ צום נעסט אַרויף,
דערזען — אומזיסט איר מי;
אַ פויגל איז דיר ניט קיין מויז,
אַ פויגל גיט אַ פלי.

אין דעם יאָג נאָך פויגל-רויב
פאַרגעסן די געפאַר;
שווער פון בוים אַרונטערגיין
מיאַוקעט זי דערפאַר.

פרייען זיך די פייגעלעך,
דער בוים איז זייער פּלאַץ.
אויפן צווייג צעשראָקן ווילד
לויפט הין-צוריק די קאַץ.

לויפט אַ יינגעלע

לויפט אַ יינגעלע פון שול
און שפרינגט זיך אויף אַ פיסל,
געפינט אַ שטיינדל אויפן וועג —
מאַכט פון דעם אַ ניסל.

הויבט אַ הענטל איבערן קאָפּ —
פליען עראָפּלאַנען,
לאָזט ער זיי צוריק אַראָפּ —
מאַכט פון הענט צוויי באַנען.

גיט אַ שטשירע מיט די ציין,
מאַכט אַ ווילדן פנים,
מיט דעם פויסט אַ זעץ די לופט —
פאַרטיליקט אַלע שונאים.

און אַז מען האָט אַזאַ געשלעג,
מוזן ווערן וואונדן —
האָט ער מיט זיין נאָז־טיכל
אַ פינגערל פאַרבונדן.

איז ער גאָר אַ גרויסער העלד,
ווייַנט ניט פון די וואונדן...
שפרינגט ער אַ צופרידענער
די אויגלעך אָנגעצונדן.

כאָטש געוואונען דאָס געשלעג,
גוט וואָס שוין אַריבער —
גיט ער בויען זיך אַ נעם
שיפן פון די שטיבער.

אָט איז ער שוין אין דער היים,
אַלץ דורכגעמאַכט בשלום.
קיינער ווייס ניט פון זיין טרוים,
פון דעם ייִנגלס חלום.



אַ הינדעלע

וואַרעמט זיך אַן אייעלע,
וואַרעמט זיך דריי וואָכן,
און מיט אַמאָל אַ הינדעלע
פון איי אַרויסגעקראָכן.

עפנט ברייט די אייגעלעך
דערזעט אַ וועלט אַ נייע
אַ שפּרונג אַרויס פון שאָלעכצל
אַ פּוכקע — אַ מחיה!

שוועסטערלעך און ברידערלעך,
הינדעלעך צוזאַמען
זיך וואַרעמעןביים אויוון גרויס
ווי ביי אַ גרויסער מאַמען.

עסן מעל פון קאָרעטקעס,
צעמאָלענע פון קאָרן,
אַנגעגרייט פאַר הינדעלעך
נאָר־וואָס ניי געבאָרן.

כאַפּן זיך צום וואַסער גלייך
זייער דאָרשט צו שטילן,
אָנגעפּילט די בייכעלעך
נעמט מען זיך צום שפּילן.

גיט אַ בלאָז אַ שלעכטער ווינט
נעמט פון נעזל רינען.
דאַרף מען שנעל פאַר הינדעלע
אַ רופא גיין געפינען.

קומט דער רופא גלייך צוגיין
און פאַרקנייטשט דעם שטערן,
אַ קוק אַהער, אַ קוק אַהין —
געזונט וועט הון שוין ווערן.

שלאָפן מוז דאָס הינדל גיין
זי דאַרף קיין בעט, קיין וויגל,
די נאַכט קומט אָן, זי רוקט דעם קאָפּ
אַריין אונטער איר פליגל.

וואַקסן אויס די פעדערלעך,
האַלטן הינדל וואַרעם,
וואַקסן הינער איינס נאָך איינס
אויף מיין הינער פאַרם.

די זון גייט אויף, דער טאָג קומט אָן,
קוואָקעט הון אָן זאָרגן.
זי לייגט אַן איי, דאָס איז איר פרייד,
באַלוינט האָט זי דעם מאָרגן.

צ י ט אַ ב אַ ן ז י ך

ציט אַ באַן זיך ווי אַ שלאַנג,
סאָפּעט, שיפּעט, פּייפּט אין גאַנג.

שפּריצט מיט פונקען, בלאָזט מיט רויך,
שוואַרצע כמאַרע אין דער הויך.

לאָקאָמאָטיוו אויבן אָן
שלעפּט וואַגאָן נאָך וואַגאָן.

טשו־טשו, טשו־טשו, קלאַפּט די באַן,
קאָן מען הערן ווייט פון דאַן.

לויפט דורך באַרג און טאָל אויף שנעל,
שלענגלט זיך דורך אַ טונעל.

דורך די ביימער, וואַלד־געדיכט
קומט אָן באַן מיט גרויסן ליכט.

טוט אַ טרובע, טוט אַ בלאָז,
און שרעקט איבער יעדן האָז.

וועקט אויף חיהלעך פון שלאָף,
ווערט אין וואַלד אַ גרויס געלאַף.

אויבן פליט אַן עראָפּלאַן,
איבעריאָגן וויל די באַן.

סאָפּעט באַן און שטופּט דעם רויך,
עראָפּלאַן פֿאַרשטעלט אין הויך.

לויפֿט די באַן פֿאַרביי דעם ים,
שווימט אַ שיפֿעלע זיך סתם.

האַלט פֿאַרריסן באַן דעם קאָפּ,
קוקט אויף שיפֿעלע אַראָפּ.

פֿילט זיך גאַנצער בעל־הבית,
ווייסט איר, קינדערלעך, פֿאַרוואָס ?

ווייל ער בלאָזט און בלאָזט פֿון זיך,
און ער לויפֿט, און לויפֿט אויף גיך.

גייט פֿאָרויס מיט גרויסן שטאָלץ,
שלעפּט וואַגאָן מיט אויל און האָלץ.

שוואַרצע קוילן, שטאָל און זאַלץ,
פֿיש און פֿלייש און פֿרוכט, און אַלץ.

אויך אַ קינד, צי פֿרוי צי מאַן,
פֿאָרט גאַנץ אָפֿט ווייט מיט דער באַן.

דורך די פֿענצטער וועלט באַטראַכט,
אויף אַ בעטל שלאָפֿט ביינאַכט.

לויפֿט די באַן און ווערט ניט מיד,
שטענדיק זינגט דאָס זעלבע ליד.

טשו־טשו, טשו־טשו, וועג האַלט קלאָר,
ס׳טאָר ניט זיין אויף וועג קיין האָר.

שטעלט זיך אָפּ בלויז אויף וואָקזאַל,
גיט אַ טרובע, גיט אַ שאַל.

ווייסן אַלע — זי איז דאָ,
אין אַ מזלדיקער שעה.



מיין ליאַלקע

די מאַמע ט׳מיר אַ ליאַלקעלע,
אַ שיינינקע געקויפט.
איך נעם זי ביי די הענטעלעך,
זי גייט, זי שפּרינגט, זי לויפט.

איך נעם זי מיט אויף אַ שפּאַציר,
איך נעם זי מיט אין בעט,
זי שלאָפט מיט מיר ביז אין דערפרי,
זי שלאָפט מיט מיר ביז שפּעט.

איך גלעט זי, ווען זי איז גוט צו מיר,
איך שלאָג זי, ווען זי איז שלעכט,
איך שטראָף זי, ווען זי הערט מיך ניט,
און ליב זי ווען זי איז גערעכט.

זי לאַכט ניט, ווען איך הייס איר ניט,
זי וויינט בלויז ווען איך וויל.
זי האָט הנאה זייער שטאַרק
פון אונדזער ביידנס שפּיל.

כאָטש ס׳פעלן פינגער שוין אין האַנט,
אַ פיסל — אויף אַ האָר...
דאָס שאַט איר אָבער ניט צום חן —
איך האָב זי ליב ביז גאָר.

דאָס נעזל אירס איז אויסגעשמירט,
דער שטערן — ניט גאַנץ ריין.
אַזאַ ליב שיינע ליאַלקעלע
ט׳נאָך קיינער ניט געזען.

עס פּוצט מיך אויס די מאַמע אָפּט,
און טוט מ׳יך אָן גאָר שיין,
איך כאַפּ מיין ליאַלקע אויף די הענט,
איך בין גלייך גרייט צו גיין.

די מאַמע בעט זיך שטאַרק ביי מיר
ניט נעמען ליאַלקע מער,
נאָר איך וועל אָן מיין ליאַלקעלע
ניט געבן זיך אַ קער.

ס׳וועט איינזאַם זיין מיין ליאַלקעלע
צו בלייבן גאָר אַליין;
מיין ליאַלקעלע, מיין שוואַכינקע,
בלויז איך קען גוט פאַרשטיין.



דער הונט „דאָטשי"

דאָטשי גייט זיך אויף שפּאַציר,
דאָטשי איז אַ הונט ביים גביר,
אויף אַ קייט פון גאָלד געמאַכט
פירט אים דאַמע, פירט באַזאַכט.

דאָטשין לאָזט מען ניט אַליין,
ער קען פריי אין גאַס ניט גיין:
דאָטשי איז אַ הונט ביים גביר,
דאָטשין נעמט מען אויף שפּאַציר.

לאַנגער אויער וויגט זיך, קערט,
קורצע פיסלעך קוים פון דר'ערד.
דאָטשי איז אַ הונט ביים גביר,
דאָטשי שלעפּט זיך אויף שפּאַציר.

דאָטשי לעבט ניט ווי אַ הונט,
עסט בלויז וואָס פאַר אים ז׳געזונט.
טראָגט אַ מאַנטל מיט אַ שנור,
דאָטשי איז אַ הונטביים גביר.

דאָטשי האָט אַ בעט פאַר זיך,
און חלילה ניט אין קיך.
נאָר אין הויז, אין בעסטן פּלאַץ
ליגט דעם רייכן הונטס מאַטראַץ.

הונט האָט ליב אַ גלעט, אַ קראַץ,
אָנגעגרייט פאַר אים ז׳דער פּלאַץ.
האַרטע בערשטל, ריינער קאַם...
קעמט אים אויס גוט די מאַדאַם.

דאָטשי ז׳ניטאַ הונט זיך גלאַט;
דאָטשי איז אַן אַריסטאָקראַט.
אויף אַ לאַנגן שטיק פּאַפּיר
זאָגט זיך — דאָטשי איז פאַר גביר.

דאָטשי זעט בלויז דאַמע נאָר,
מיינט ער, ס׳איז זיין מאַמע גאָר,
ווינט ער, אַז זי גייט אַוועק,
קוקט אויס טרויעריק — אַ שרעק.

קוקט דורך פענצטער אויף זיין שטול,
זעט די גאַס מיט פרייד איז פול.
הינטלעך לויפן אויף דער פריי,
איינס מיט צווייטן שפּילט דערביי.

האָט זיך דאָטשי באַלד באַקלערט,
אַז זיין לעבן ז׳גאָר ניט ווערט;
וואָס איז אים די קייט פון גאָלד,
אַז ער איז אַ הונט אַ יאָלד.

ליגט זיך דאָטשי, טראַכט און טראַכט,
בילט און בילט די גאַנצע נאַכט.
וויפל טאַקע איז דער שיעור
זיין אַ הונט ביי אַ גביר?!

מאַמעס באַהעלפער

מאַמע, וואַש ניט דאָס געשיר,
איך וועל היינט דאָס טאָן פאַר דיר.
כ׳וועל זיך שטעלן אויף אַ שטול,
וואַסער ט׳זיין אַ שיסל פול.

מיט אַ פאַרטעך פונקט ווי דו —
(מאַמעס דאַרפן האָבן רו)
כ׳דריי פאַמעלעך אָפּ דעם קראַן,
שטעל צו האַנט ווערט אַ פאָנטאַן.

אויפן וואַנט און אויפן דיל
שפּריצט דאָס וואַסער אין מיין שפּיל.
ווייסער זייפן־שוים ווי פּוך,
דורך די פינגער גייט אַדורך.

ווען די זייף איז גוט צעלאָזן,
נעם איך מאַכן זייפן־בלאָזן.
כ׳הויב אָן טעלער וואַשן, רייבן,
מיט אַמאָל כ׳דאַרף שערבלעך קלייבן.

וואָס מיר טעלער, ווען מיר גלעזלעך!
אויס מיט וואַסער, זייף און בלעזלעך!
„גיי אַוועק דו נאַסער האָן!"
שרייט די מאַמע אויף מיר אָן.

ניט דערוואַשן לעפל, גאָפּל,
האָט שוין מאַמע אַרבעט טאָפּלט.

איינס צוויי דריי

איינס־צוויי־דריי,
לויפן מיר פאַרביי.

פיר־פינף־זעקס,
דערשמעקן מיר געבעקס.

זיבן־אַכט־ניין,
לויפן מיר אַריין.

צען־עלף־צוועלף,
הונגעריקע וועלף.

מאַמע באַקסט אַ קוכן?
מיר ווילן אים פאַרזוכן.

טיילט זי איין גאָר קיכלעך
יאַנקלען, מיר און מיכלען.

טאַנצן מיר צוזאַמען
אַרום־און־אַרום דער מאַמען,

באַלד וועט מאַמע מאַכן
נאָך מער גוטע זאַכן.

מיין ביכל

כ'נעם אַ ביכעלע אַ קליינעם,
ווער איך גאָר אַ גרויסער גביר;
פאָר איך לענדער צו באַזוכן,
זע איך וואונדער גאָר אָן שיעור.

פלינקע הינטלעך שלעפּן שליטנס,
עסקימאָסן אין וואַרעמע פוטערס.
אין די ליים־הייזקעס פאַרשנייטע
וואַרמעס הייסן קאָכן מוטערס.

ווערט אַלאַסקאַ אַזוי נאָענט,
כאַפּ איך אַ שפּאַציר אַהין,
מיש איך איבער צוויי־דריי בלעטער
בין איך שוין גלייך אין כאַרבין.

אַזיע האָט אַזוי פיל צויבער,
אין די לענדער גרויס און קליין,
קינדערלעך פון אַלע פעלקער,
כ'האָב זיי אַזוי שטאַרק ליב זען.

אויף אַ קעמל, אויף אַן עלפאַנט
פאָרן מענטשן אין די גאַסן,
אייזל שטומער איינגעשפּאַנטער
אַקערט איבער רייז־פעלד נאַסן.

ווילדער טיגער האַלט מויל אָפן,
דורכן ביכל וויל מיך בייסן;
— פאַלט אַ שרעק אויף מיר, אַ מורא,
ווילט זיך ביכעלע צערייסן.

פאָר איך ווייטער איבער בלעטער:
אינדיאַנער אין כאַלאַטן;
קענען קינדער אונטערשיידן
דאָרט די מאַמע פון דעם טאַטן?

פאָר איך איבער לענדער ווייטע,
איבער טייכן איבער שליאַכן,
איבער לענדער נאָך פאַרשקלאַפטע,
איבער לענדער וואָס דערוואַכן.

שלעפּט זיך קראָקאָדיל אַ לאַנגער,
איבער אַפריקאַנער ברעגן.
קעמל קרומער — שיף פון מדבר —
מאַסע שלעפּט אויף זאַמדיק וועגן.

פּיראַמידן שפּיציק־ברייטע
שטייען טויזנט, טויזנט יאָרן,
קוקן אייביק אין דער ווייטן
קוקן אויס ווי שטיין פאַרפראָרן.

עס באַהאַלט אין זאַמד דעם הייסן
שטרויספויגל זיין קאָפּ און אויגן.
דער זשיראַף זיין האַלדז, דעם שלאַנקן,
דוכט זיך, וועט פאַר קיינעם בויגן.

עפּנט ביכל פאַר מיר וועלטן,
וועלטן ברייטע, וועלטן נייע,
סאַראַ אוצר איז מיין ביכל
אין די שעהען מיינע פרייע!

שניי שפּיל

ס׳האָבן קינדערלעך פֿאַרנאַכט
פֿון דעם שניי אַ מענטש געמאַכט,
אויגלעך שוואַרצע, שטיקער קויל,
מיט פיר ציינער אין זיין מויל.

העלצל ברוין — זיין פּאַפּיראָס ;
לעכער צוויי — דאָס איז זיין נאָז.
ער איז הויך, און גראָב, און ברייט,
ווי אַ וועכטער לעם הויז שטייט.

מיט אַ בעזים אין זיין האַנט,
ווי ער וואָלט די גאַס געראַמט ;
רונדע קנעפּלעך אויף זיין ראָק
אויסגעפּוצט ביינאַכט, ביי טאָג.

אויפן קאָפּ אַ ברייטער הוט —
ס׳איז די קינדער וואויל און גוט !
זען פון שניי אַ מענטש געשטעלט,
לויפט מען צו, מען לאַכט, מען קוועלט.

קוקן זיי אויף אים מיט שטאָלץ :
ווייל ער ז׳ניט אַ מענטש פון האָלץ,
ניט פון שטאָל, און ניט פון שטיין,
נאָר פון סאַמע שניי אַליין...

ס׳גייט אַוועק אַ טאָג צי צוויי,
קלענער ווערט דער מענטש פון שניי:
דאָ אַ לאָך, און דאָרט אַ שפּאַלט,
און דער מענטש פון שניי צעפאַלט...

מאַכט מען באַלד אַן אַנדער שפּיל.
כאַפּט אַ שליטל ווער עס וויל,
און מען יאָגט זיך באַרג אַראָפּ,
ווי די פערדלעך אין גאַלאָפּ

מאַנטלען רויטע, גרין און ברוין —
באַרג באַפּוצט זיך מיט אַ קרוין
פעלד אַ ברייטער — ווייס כאַלאַט;
ווייכער שניי ווי סאַמעט גלאַט.

שמייען קינדערלעך צעהיצט,
פריידיק אויגעלעך צעבליצט;
ברענט אַ פראָסט, אַ ביטערע קעלט —
ס׳גייט ניט אָן דער קינדער־וועלט!

אָנגעשטיפּט זיך, אָנגעלאַכט,
איז מען גרייט שוין פאַר דער נאַכט.
מאָרגן ט׳פאַלן נייער שניי,
פרישע פרייד וועט זיין פאַר זיי.

שול און שפּיל

ס׳איז מיט זון דער זומער פול,
שטייט אויף קינדער! קומט אין שול,
מיט געלעכטער און מיט שפּאַס,
כאַפּט די ביכלעך, קומט אין גאַס.

רופט אַ חבר דורך אַ שויב,
מאַכט פון בלעטער גאָלדן־שטויב,
מיט אַ שטריקל דרייט און שפּינט,
און דערביי אַ לידל זינגט.

וואַרפט אַ באַל אין סאַמע הויך,
שעפּט זיך אָן מיט פרישן כוח
אויף צו זיצן אין דער שטיל
און זיך לערנען, לערנען פיל!

פון דער שול די טיר איז ברייט,
אויפן וואַנט דער טאָוול גרייט,
לערער צייכנט אות נאָך אות,
אַלעס האָט זיין צייט און מאָס.

פון די אותיות ווערטער מאַכט,
יעדן ציפער גוט באַטראַכט,
לערנט שנעל אויס איינס, צוויי, דריי,
גייט איר שפּילן אויף דער פריי.

אָנגעשפּילט אין פרישער לופט,
קלינגט דער גלאָק, אין שול ער רופט.
פלייסיק לערנט זיך און גוט,
עס איז טייער די מינוט.

חזרט הויך און חזרט שטיל,
מען דאַרף לערנען, לערנען פיל.
איר׳ט געפינען אויף דעם בלאַט
וואו ס׳געפינט זיך אייער שטאַט.

פון די פּילגרימס אויף דער שיף
וועט איר קריגן אַ באַגריף;
שווער פאַר זיי געווען דער וועג
אין די ערשטע, ערשטע טעג.

פון דעם וואַרמען לאַנד בראַזיל
זיינען יידן גאָר ניט פיל,
דריי און צוואַנציק בלויז אין צאָל
אָנגעקומען מיט אַמאָל.

האָבן זיי זיך דאָ באַזעצט.
יידן האָט מען ניט געשעצט.
מוטיק האָבן זיי געקעמפט,
יידן שטאָלצע, ניט פאַרשעמט.

שוין אַוועק דריי הונדערט יאָר,
מען דערציילט פון דור צו דור
אין אַ מעשה, אין אַ ליד
פון דער העלדישקייט פון ייד.

שווער דערציילן יעדע זאַך —
עס איז וויסן דאָ אַ סך —
איר וועט אויסלערנען אַליין,
כאָטש איר זייט נאָך איצטער קליין.

לויפט פון שולע גלייך אַהיים,
ס׳וויל די מאַמע אייך שוין זען.
גלייך דערציילט איר אַלעס אויס
און זיך שפּילן לויפט אַרויס.

אַ ייִנגעלע אַ טרוימער

זיצט אַ קליינער ייִנגעלע
מיט שפּילצייג אין זיין שויס,
טראַכט ס׳אַ העלד ער וועט דאָס זיין,
ווען ער וועט ווערן גרויס.

ער׳ט אַ פייער־לעשער זיין
מיט אַ מעשענעם הוט;
דעם גרעסטן פייער אויסלעשן
וועט ער אין אַ מינוט.

ער וועט פליען אויף אַ „דזשעט״
אין די הימלען הויך:
און וועט מאָלן וואָלקנס דין
פון קאָלירטן רויך.

ער וועט ווערן אַ סאָלדאַט,
אָדער אַ מאַטראָס;
אפשר בעסער זיין אַ קלאַון,
מיט אַ פאַלשער נאָז.

אַ קוילן־גרעבער וועט ער זיין
מיט אַ ליכט אין הוט;
מיט מוסקולן שטאָלענע,
שטאָלצן גאַנג און מוט.

ער וועט מיט אַ שפּריץ מאַשין
די וועגן מאַכן נאַס;
זיין דער גרעסטער העלד פון טאָג —
דער ריניקער פון גאַס.

אַ פאַרבינד דאָס מויל און אויג —
ווערט מען אַ פּיראַט.
איז שוין בעסער בלייבן גאָר
אַ יינגעלע זיך גלאַט.

ים שפּיל

ס'איז מײַלן ווײַט דער ים צעשפּרייט,
דער העלער זאַמד אויף ברעג איז גרייט
פֿאַר זומער־שפּיל, פֿאַר גלי און פֿרייד
פֿאַר גרויס און קליין אָן אונטערשייד.

כ'נעם אַן עמער וואַסער פֿול,
כ'מאַך פֿון זאַמד אַ ווייכן שטול,
אַ טיש אַ ברייטן, אַ הויכע וואַנט,
און גלעט זיי איין גוט מיט דער האַנט.

כ'שטעל אויס קוגעלעך אַ ריי,
עס זיי אויף גלייך, איינס און צוויי,
כ'גיב די הענט בלויז אַ צעפּיר
אויסגעוואַשן די געשיר.

הויב איך אויף זיך גאָר אויף גיך,
מיט די פֿיס צעוואַרף מײַן קיך.
גיט זיך כוואַליע אַ צעגיס
און עס וואַשט אָפּ מײַנע פֿיס.

רייצט זיך ים מיט מיר און רופֿט,
זון ברענט שטאַרק אָן הייסע לופֿט.
מאַך איך קונצן, מאַך איך שפּאַס,
כ'פֿאַל אײַן וואַסער, ווער איך נאַס.

גראָב איך אויס אַ גרויסע גרוב,
לאַד איך געסט אײַן אין מײַן שטוב.
גרויסער שירעם איז מײַן דאַך,
קומען קינדערלעך אַ סך.

בויען מיר אַ גרויסע שיף,
מיט אַ לאַך, און מיט אַ שטיף,
מיט אַ לויף און מיט אַ שפּרונג,
אַלע מיט דעם זעלבן שוואונג.

אַלע בויען — נעמט ניט לאַנג,
ווערט אויף שיף אַ לאַנגע באַנק.
פאָרן מיר אויף גיך, אויף גיך,
אָן די זאָקן, אָן די שיך.

מיט די אויגן אויף דעם ים
פאָרן מיר זיך אַזוי סתם.
ביז ס׳פּאַרדרייט זיך אונדז דער קאָפּ,
מוזן מיר פון שיף אַראָפּ.

גייען מיר אויף אַ שפּאַציר,
ווערט גלייך יעדער אַ גביר:
יעדעס שערבל אַ פאַרמעג,
קלייבן מיר צונויף ביים ברעג.

מיר צעטיילן זיך אויף גלייך.
קיינער טאָר ניט ווערן רייך.
קומען מיר אַהיים מיט פרייד:
וואויל דעם זומער טאָג באַגלייט.

דאָס ברודערל

די מאַמע ט׳מיר אַ ברודערל
פון דעם שפּיטאָל געבראַכט.
דער קליינטשינקער, ער ווייס גאָרניט,
ער שלאָפט בלויז טאָג און נאַכט.

נאָר ס׳רודערט זיך אין הויז אַזוי,
כאָטש ס׳קליינטשיקס ליגט גאָר שטיל.
און מענטשן קומען אַלע מאָל,
עס קומען מענטשן פיל.

יעדער גייט צום וויגל צו,
מען האָט אים אַזוי ליב!
און יעדער האָט פאַרגעסן גאָר,
אַז איך בין אויך אין שטוב...



ברענג איך פון מיין צימערל
אַלץ, וואָס איך קען;
קונצן כ׳מאַך פאַרשיידענע,
נאָר קיינער וויל ניט זען.

כ׳פּרוביר אַ גלעט טאָן זיינס אַ האַנט,
אַ ריר טאָן זיינס אַן אויג,
איך נעם פון אים דאָס פלעשל מילך,
באַטראַכט בלויז צי עס טויג.

שטראָפט די מאַמע מיך און זאָגט:
„דו, זיין גרויסער ברודער,
לאָז דאָס קליינטשיקס שלאָפן גיין,
מאַכסט צופיל גערודער!״

ער פאַרקרימט זיך מיט געוויין,
מען זעט אים קיינמאָל לאַכן!
גיט אַן עפן־אויף אַן אויג
און טוט עס גלייך פאַרמאַכן.

כ׳וויל די מאַמע זאָל מיך אויך
אין וויגעלע באַלייגן;
ווי צום קליינעם ברודערל
מיט חנדעלעך זיך בויגן.

זאָל מיך מאַמע קאָרמענען
ווען זי גיט מיר עסן,
ווי מיין קליינעם ברודערל...
זאָל מיך ניט פאַרגעסן!

ווען מיין ברודער ט'אויסוואַקסן,
וועל איך דער קליינער ווערן,
וועלן אַלע דעמאָלט מיך
גלעטן, קושן גערן.

נאָר ווען איך וועל אויסוואַקסן,
ווי טאַטע־מאַמע גרויס,
כ'וועל קיינמאָל ניט אַריינלאָזן
אַן עופהלע אין הויז!

עמעט לואיס טיל

ס׳האָבן קינדער אויף די גאַסן
אָפּגעשטעלט דאָס פריידיקע שפּיל;
ווי אַ ווינט האָט זיך צעטראָגן —
טויט איז עמעט לואיס טיל!...
די חברים אויף די ראָגן
טרויעריקע שטייען שטיל;
מ׳הערט קיין ווערטער פון זיי קיינעם —
בלויז דער נאָמען: עמעט טיל...
דורך די וועלדער רייך קאָלירטע
בלאָזט אַ האַרבסטיק ווינטל קיל;
שושקען בוימער זיך מיט צאָרן:
ס׳איז דערמאָרדעט עמעט טיל!
ס׳איז פּאַר פויגלען פריי דער הימל,
איבער גראָז שפּרינגט גרינג אַ גריל;
ס׳האָט געוואָלט זיך פריי אויך פילן
נעגער־יינגל עמעט טיל.
ווייסע קינדער מעגן לאַכן,
שפּאַסן וויפל איינער וויל;
שפּאַסן האָט געקאָסט דאָס לעבן
פון דעם נעגער־יינגל, טיל.
קינדער האָבן ליב זיך שיפן
אויף אַ טייכל, וואָס פליסט שטיל;
אויפן וואַסער שווימט דער קערפּער
פון דעם נעגער־יינגל, טיל...
ס׳דרייען זיך אין סקול די טירן,
ווי די פליגלען פון אַ מיל;

יעדעס קינד פאַרנעמט זיין בענקל,
נאָר ניט עמעט לואיס טיל.
יינגלעך שפּילן דאָרטן „בעיס-באָל״,
לויפן שנעל צו זייער ציל ;
נאָר ניט לויפן וועט שוין קיינמאָל
פערצן-יאָריקער עמעט טיל.
ס׳רוען קינדער אויף די סאָפעס,
ס׳רוען קינדער אויפן דיל ;
אונטער פריש ערד פאַרדעקטער.
רוט, דערמאָרדעט, עמעט טיל.
טרערן לאָזן זיך אָפּשווישן,
רויטע בלוט — עס שווייגט ניט שטיל,
איבער הענט פון ווייסע מערדער
רינט דאָס בלוט פון עמעט טיל.
ס׳דוכט — פון קבר הער איך מאָנען
לינקאָלן, דזשאַן בראַון און היל,
צו באַשטראָפן ווייסע מערדער
פון דעם נעגער יינגל טיל.
ווי אַ שטורעם אויף די ימים
ברויזט דאָס מענטשלעכע געפיל
קעגן שטאַט פון מיסיסיפּי,
פאַרן מאָרד פון עמעט טיל.
ס׳האָט צעצאָרנט זיך דער שטורעם
און ס׳וועט דאַן בלויז בלייבן שטיל,
ווען עס וועלן פריי זיך שפּילן
קינדער — ווייס מיט שוואַרץ, ווי טיל !

אויף אַ פֿאַרם

קומט איר קינדערלעך
מיט מיר,
כ'וועל אייך נעמען
אויף שפּאַציר.
מיט אַ בערדל,
דאָרט אַ ציג,
מילך זי גיט
אין פולע קריג.

צווישןביימער
לאָמיר גיין.
צווישן בלומען
זאַמד און שטיין.
דאָ אַ טראַקטאָר,
דאָרט אַ פערד,
אַקערט אויף
די פייכטע ערד.

אויף אַ פאַרם
לאָמיר זען
אַלע חיות
וואָס מען קען.
אויפן בערגל
צופן שאָף.
קעצל וועקט זיך
פון איר שלאָף.



זעט אַ פֿרעמדן
הונט, וואָס בילט,
מיט די קינדערלעך
זיך שפּילט.

דרייט זיך
ווי ער וואָלט געזאָגט:
„אַזאַ שיינקייט
ווער פֿאַרמאָגט ?“

לעם אַ בהמה
שפּרינגט אַ קאַלב.
אויפֿן פּלויט
עס זינגט אַ שוואַלב.

ביז פֿאַרנאַכט
פֿון אינדערפֿרי
פּאַשען זיך
די שאָף און קי.

הינדל ווייסע —
קאַם אירער רויט.
קלאַפּט מיט פֿליגלען
האָן און קרייט.

אָנגעשטעלט
אַן אויער, נעזל,
לויפֿט דערשראָקן
דורך אַ העזל.

געלע קאַטשקעלעך
ווי פּוך,
מאַמע־קאַטשקע
פֿירט אַדורך.

אָנגעשאַרטע
בערג מיט היי:
ווינטער שפּייז
שוין דאָ פֿאַר זיי.

גאָנער בייזער
גייט און שרייט;
לאָזט זיך הערן
פֿון דער ווייט.

פֿאַרמער מיט זיין
ווייב און קינד,
אַ געזונטע
הויז געזינד.

אינדיק בלאָז־זאַק
פֿאַראַדירט,
זיינע פֿעדערן
צעפֿירט.

צו דעם פֿאַרמערס
גרויס פֿאַרמעגן
רעכן צו
די זון און רעגן.

נייע שיכעלעך

קומט איר, קינדער,
קומט אויף גיך.
כ׳וועל אייך צייגן
מיינע שיך.

ווען איך קוק נאָר
אויף די שיך,
נאָר איך האַלט זיך
איין אויף גיך.

ווייסע, ריינע,
שיין ווי גאָלד!
נייאינקע,
איך האָב זיי האָלט.

כ׳בינד זיי איין,
און בינד זיי אָפּ,
כ׳הויב זיי אויף,
און לאָז אַראָפּ.

הערט, זיי סקריפּען,
ווען איך גיי,
ווי אויף ווייסן,
פרישן שניי.

כ׳גלעט זיי אַלע מאָל
און גלעט,
כ׳נעם זיי מיט
מיט מיר אין בעט.

וויש און וויש איך
זיי אויף גיך,
האַלט איך ריין זיי —
מיינע שיך.

מיט מיין שלאָף־העמד
כ׳טו זיי אָן,
ביז עס שרייט
די מאַמע אָן.

עפּעס איז
אַ מאָדנע זאַך
ס׳גיט זיך
אַלע מאָל אַ לאַך,

גיב איך זיי
כאָטש נאָך איין גלעט,
שטעל אַוועק זיי
לעם מיין בעט.

כ׳רייב די אויגן,
כ׳וויל זיין וואַך:
שיכלעך,
שיכלעך,
שיכעלעך...

ק י נ ד ע ר - פ ר י י ד

טאַנצט אין קאַראַהאָד, איר קינדער,
שליסט די הענטלעך ווי אַ קייט.
ווייסע, שוואַרצע, ברוינע, געלע,
ס׳בינדט צוזאַמען אייך די פרייד.

עס פאַרבינדט אייך שפּאַס, געלעכטער.
לאַכן — דאָס איז אייער שפּראַך,
הייבט די פיסלעך, נייגט די קעפּלעך
מיט אַ פרייד און מיט אַ לאַך.

לויפט זשע, קינדער, לויזט זשע — שפּילט זיך!
וואַרפט אַ פּילקע, וואַרפט אַ באָל.
הייבט די הענטלעך, הייבט ווייסע, שוואַרצע,
ברוינע, געלע, מיט איין מאָל.

לויפט און יאָגט זיך — וועט איר כאַפּן
איינס דאָס צווייטע אין געיעג...

פרייט זיך, קינדער, הויך און הילכיק,
קינדער־פרייד באַגלייט די טעג.

לערנט, קינדער, גרויסע — שפּילן,
לערנט גרויסע — לאַכן, פרייד,
לערנט גרויסע — ברידער ווערן
שוואַרץ, צי ווייס — אָן אונטערשייד!

דער מוזיק מאַכער

די מאַמע ט׳געקויפט מיר אַ פידל,
איך פידל און פידל די פידל.
און טאָמער דער קלאַנג ניט געקלונגען —
האָב איך זיך פאַר פידל צעזונגען.

די מאַמע ט׳געקויפט מיר אַ פייפל
איך בלאָז און איך פייף מיט מיין פייפל,
צום טאַקט קלאַפּ איך צו מיט אַ פיסל,
איך זינג צו פאַר פייפל אַ ביסל.

די מאַמע ט׳געקויפט מיר אַ פּייקל,
איך פּויק און איך פּויק מיט מיין פּייקל,
מאַרשירנדיק קלאַפּט זיך אַלץ העכער,
ביז וואַן אין די שיך ווערן לעכער.

די מאַמע ט׳געקויפט מיר אַ פּיאַנע
איך זיץ און איך קלאַפּ די קלאַווישן,
די פינגער זיך וויגן און וויגן
נאָר קיינער פאַרשטייט ניט מיין ניגון.

דער קעמפּער

איך פֿאָר היינט אין קעמפּ אַריין,
אין קעמפּ מיט אַלע קינדער.
װעל איך דאָרט באַװײַזן זיי
ווי כ׳קען טאָן גרויסע וואונדער.

ווי כ׳קען שווימען אויפֿן „לעיק״,
כ׳קען זיך גלייך אויסציען
אויפֿן וואַסער וואָס איז טיף,
העכער פֿון די קניען.

מיט צוויי פֿליגלען פֿול מיט לופֿט
שווים איך ווי אַ ווינכער.
װעל איך לערנען מיינע פֿריינט
ווי צו שווימען גיכער.

און מיין „באָנגאַלאָ״ ט׳זיין נעט,
כ׳הענג אויף אַלע זאַכן,
און מיין בעטל גוט פֿאַרבעט,
כ׳ווייס ווי שיין עס מאַכן.

ריין דאָס פּנים ריין די הענט,
גלייכער שרונד אין מיטן,
און כ׳מאַך זיכער, אַז מיין העמד
האָב איך ניט פֿאַרביטן.

כ׳וועל אַ גוטער קעמפּער זיין;
כ׳וועל אַהיים ניט בענקען,
נאָר אַ בריוועלע אַהיים
שרייבן כ׳וועל געדענקען.

אַ געבורטסטאָג

ס׳פּוצט די מאַמע אויס די שטוב,
און זי האָט מיך אַזוי ליב!
ס׳קומען באַלד אָן מײַנע פרײַנט,
ס׳איז אַ גרויסער יום־טוב הײַנט:

מײַן געבורטסטאָג קומט הײַנט אָן,
כ׳בין אַזוי שײן אָנגעטאָן!
מיט אַ רונדער ברײטער קלײד,
ס׳טאַנצט אין מיר דאָס האַרץ פאַר פרײד.

כ׳טראָג גלאַנציקע נײַע שיך,
ווער קאָן גליקלעך זײַן ווי איך!
ברײטע לענטע אין די האָר —
כ׳ווער הײַנט עלטער מיט אַ יאָר.

אויפֿן טיש שטייט אַל־דאָס גוטס,
אַ שיינע, לעקעך אויסגעפּוצט:
קליינע ליכטלעך זעקס אין צאָל,
אַלע ברענען מיט אַמאָל.

און מתּנות אָן אַ שיעור
ליגן אָנגעגרייט פֿאַר מיר,
אויסגעשלייפֿט און אויסגעשנירט,
איינגעוויקלט שיין, באַצירט.

„העפּי בורטדעי", זינגט מען אויס,
לעש איך אַלע ליכטלעך אויס.
„אייז־קרים" עסט מען פֿיל מען וויל,
און מיר נעמען זיך צום שפּיל.

אָנגעשפּילט און אָנגעלאַכט,
ביז געקומען איז די נאַכט.
ס'אַראַ שאָד, וואָס אין אַ יאָר
האָט מען איין געבורטסטאָג נאָר!

ווײַסער ברודערל, ווי דו

כ׳האָב אַ טאַטע און אַ מאַמע,
ווײַסער ברודערל, ווי דו.
פֿול מיט ליבע און מיט טרײַשאַפֿט
דריקן זײ צום האַרץ מיך צו.

איך זאָל לערנען זיך מיט חשק,
זאָגט דער טאַטע צערטלעך אָן.
און די מאַמע קעמט און פּוצט מיך,
און זי קושט דערבײַ מיך אָן.

„ס׳האָט, מײַן קינד, נאַטור באַשאָנקען
דיך מיט ברוינער טונקלער הויט.
נאָר דו האָסט אַ רעכט צום לערנען
ווי דו האָסט אַ רעכט אויף ברויט״.

און זי שיקט אַרויס אין סקול מיך,
נאָר עס ציטערט איר דאָס האַרץ:
קינדער האָבן ניט קיין שונאים
אויסער די, וואָס זײַנען שוואַרץ.

אָ, ווי שעמט זיך ניט דײַן טאַטע,
און דײַן ברודער, שטאַרק און גרויס,
קומען מיר דעם וועג פֿאַרשטעלן
ווען איך גײ פֿון סקול אַרויס?

ניין, איך וויל ניט, ווי מיין טאַטע,
זיין אַן עלעוועיטאָר־מאַן.
איך וויל אויך ניט, ווי מיין זיידע,
זיין אַ פּאָרטער אויף אַ באַן.

כ׳וויל ווי דו זיך לערנען לייענען,
שרייבן, צייכנען מיט דער האַנט.
איך וויל אויסוואַקסן אַ קענער
און אַ כבוד פאַר מיין לאַנד.

ס׳איז אַ בלייפעדער קיין ביקס ניט,
און אַ פּען איז ניט קיין שווערד.
קענען מיר אין סקול צוזאַמען
לערנען ביידע ניט געשטערט.

שניי און ווינט

פון די הימלען, פון די גרויע,
פאַלט אַ שנייעלע אַ ווייכער.
ס'איז דער זומער לאַנג פאַרגאַנגען,
ניט געבליבן איז קיין זכר.

פונקט ווי צוויטן פון דעם הימל
שיטן זיך פּאַוואָליע, שיטן...
פּוצן אויס די בערג און וועלדער
מאַכן גרייט דעם וועג פאַר שליטן.

גיט דער ווינט הויך אַ צעשריי זיך,
מיט אַ בייזקייט הייבט אָן בלאָזן,
ווייל ער קען קיין בלום געפינען,
ווייל פאַרדעקט זיינען די גראָזן.

שאַרט און נישטערט ערד פאַרדעקטע,
יאָגט דעם שניי, וויל אים פאַרווייען.
מיט אַמאָל די זון צעשמייכלט,
טוט דעם בייזן ווינט צעשטרייען.

בלייבן שטיין מיט שניי באַדעקטע
יעדעס דעכל, יעדעס שטיבל.
אָנגעיאָגטע שניי אַ בערגל,
אויסגעקנייפּט אין שניי אַ גריבל.

העגגעןפֿון די צווייגן זילבער,
ווי צעפּלאָכטענע קאָנפּעקטן.
קאַפּען טראָפּנס אויף די שנייען
ווי אויף ווייסן טיש פֿאַרדעקטן.

באָדט די זון אויס אירע שטראַלן
אין די טראָפּנס שניי צעלאָזטן;
פֿליסן ריטשקעלעך און איילן
צו דעם טייך פֿון באַרג פֿאַרבלאָזטן.

שפּרייט פֿאַנאַנדער טייך די אָרעמס,
מיט גרויס פֿריינטשאַפֿט צו די פֿעלדער.
זאַפּן וואָרצלען איין דאָס וואַסער,
זעטיקן זיך אָן די וועלדער.

ווערט דער הימל בלויער, בלויער,
הייבט זיך אָן דאָס אייז צעלאָזן,
ווערט די ערד אַלץ ווייכער, מילדער,
פֿאַר געבורט פֿון נייע גראָזן.

איך וויל זיין אַן עסקימאָס

איך וויל זיין אַן עסקימאָס
און פאָרן אויף אַ שליטן,
וואו הינטעלעך, מיט ווייסער פעל
האָבן פערד פאַרביטן.

מיט איינגעשפּאַנטע הינטעלעך
צו פיר און פינף פאָרן,
אויף הויכע בערג פון שניי און אייז
וואָלט איך אַרומגעפאָרן.

פון טיפן שניי לעם הויז
מענטשעלעך כ׳וואָלט מאַכן,
מיט עסקימאָסן־קינדערלעך
זיך שפּילן, שטיפן, לאַכן.



אָנגעטאָן אין פעלעכלעך,
זעט מען בלויז דאָס נעזל,
און דאָס גאַנצע פּנימל
איז אַ רונדער קעזל.

אויסגעהאַקט אין גראָבן אייז
פון דעם טייך אַ לעכל,
וואָלט איך ברענגען פיש אַהיים
אָנגעכאַפּט אין בלעכל.

איך פאָר אויף אַן אויטאָ־באָס,
דו פאָרסט אויף אַ שליטן;
אפשר וואָלסטו זיך מיט מיר,
עסקימאָס, געביטן?

מאַרקעלע

מאַרקעלע שטייט אויף פּאַרטאָג,
איז נאָך קיין יאָר ניט אַלט;
מיט זיינע הענט און פיסעלעך
נעמט ער זיך שפּילן באַלד.

ווי מען קומט נאָר צו צו אים
לאַכט ער, און ער קוועלט,
מיט אויגעלעך צעלויכטענע,
דאָס פּנימל באַהעלט.

ווען איך בויג זיך איין צו אים
גיט ער זיך אַ לאָז,
נעמט מיך שלעפּן פאַר די האָר
און ציען ביי דער נאָז.

עפנט ווי אַ פייגעלע
דאָס מיילכל פול מיט חן.
מיט ווייסינקע צוויי ציינדעלעך,
איז ער די זון אַליין.

הייבט ער אויף זיין הינטעלע
דאָס גומענע, וואָס שרייט,
כאַפּט עס ביי די אויערן,
דאָס הינטעלע, און קייט.

נאָר ס׳גרעסטע מאכל איז ביי אים
אַ פלעשל מילך פון „קען״,
איך האָב נאָך אַזאַ פרעסערל
אין לעבן ניט געזען!

יעדן טאָג מיט פרישן חן
באַווייזט ער נייע וואונדער.
ער ווערט, דער קליינער פרעסערל,
אַלץ לענגער און אַלץ רונדער.

די הענטעלעך אַרום מיין האַלדז
זיי זיינען ליב און וואַרעם.
ער איז אַ קנײלעכל מיט פרייד,
וואָס טאַנצט אין מיינע אָרעמס.

שלאָפט ער איין אין וויגעלע,
צעשמייכלט זיך אין חלום,
ווייל אין דעם וואונדער־לאַנד פון שלאָף
איז ער אַריין בשלום.

חד גדיא

קומט אַהערצו, קינדער,
אָט ווי איר גייט און שטייט.
איך האָב פאַר אייך אַ מעשה,
אָט ווי די מעשה גייט:

דער טאַטע האָט אַ ציגעלע
פון דעם יאַריד געבראַכט.
אַ ציגעלע אַ ווייסינקע,
אַ שייניקע, אַ פּראַכט!

די שלעכטע קאַץ, די בייזע,
מיט נעגל אָנגעגרייט,
דאָס ציגעלע, דאָס ווייסע
פאַרפייניקט האָט צום טויט.

דער הונט געגומען יאָגן
די מערדערישע קאַץ,
ביז זי געבליבן ליגן
אַ טויטע אויפן פּלאַץ.

דעם הונט ט׳דערזען אַ שטעקן
אַ לאַנגער, גרויס און שטאַרק,
האָט ער גענומען שלאָגן
דעם הונט איבערן קאַרק.

דאָס פייער ט׳זיך געלאָזן
צום שטעקן מיט קוראַזש;
געבליבן איז פון שטעקן
אַ בערגל גרויע אַש.

ווי נאָר עס האָט דאָס וואַסער
דעם גרויסן פלאַם דערזען,
האָט עס גענומען לעשן
דעם פלאַם וואָס האָט געברענט.

דעם פעטן אָקס, דעם זאַטן
אַ טרונק האָט זיך פאַרשמעקט,
האָט ער דאָס פרישע וואַסער
אינגאַנצן אויסגעלעקט.

דער קצב האָט אַ חלף
אַ שאַרפן מיטגעבראַכט,
דעם אָקס האָט ער געשאָכטן,
און פלייש אַהיים געבראַכט.

דער טויט דעם שאַרפן מעסער
האָט לאַנגזאַם גוט באַטראַכט;
דער קצב האָט די אויגן
אויף אייביק צוגעמאַכט.

נו, איצט וועט שוין די מעשה
באַלד קומען צו אַ סוף,
ווייל יעדערער באַזונדער
באַקומען האָט זיין שטראָף.

דאָס מלאכל פון לעבן
דעם חורבן האָט באַמערקט,
מיט הייסן בלאָז פון אָטעם
דעם שוואַרצן טויט צעשטערט.

אין „זו"

גיי איך מיר אין „זו" אַריין
מיט אַ בייטל ברויט.
און יעדע שיינע חיה
צו קאָרמענען בין גרייט.

דער העלפֿאַנט איז גרויס און ברייט,
פֿאַר אים איז מיין ברויט צו קליין.
זשיראַף דעם קאָפּ האַלט צו הויך,
מיך קען ער ניט דערזען.

גיי איך צו דער שטייג פֿון בער,
זעט ער מיך און בעט,
ניין, כ'וועל אים ניט געבן ס'ברויט,
ווייל דער בער, ער איז צו פֿעט.

הין און צוריק גייט אום דער לייב,
איך האַלט די ברעקלעך גרייט.
זיין ווילדער ברום און אָפֿן מויל,
דערשרעקן מיך אויף טויט.

שפּרינגט אַ דאַרע מאַלפּע דאָרט,
איך לויף איר געבן עסן.
אויף אירע קונצן זיך פֿאַרקוקט,
אָן בייטל ברויט פֿאַרגעסן.

גיי איך מיר פֿון שטייג צו שטייג,
און שווער איז מיר באַשליסן:

ווער פון אַלע חיות דאָ
וויל בלויז אַ קליינעם ביסן.

קאָלירטע קליינע קאַטשקעלעך
אויפן וואַסער שווימען,
ס'איז פאַר אייך די ברעקלעך ברויט,
וואָס איך האָב מיטגענומען.

אַ שלאָף־ליד

מאַך, מיין קינד, די אייגעלעך צו,
טאָג פאַר שטיפן, נאַכט פאַר רו,
הימל טונקלט, שאָטן שפּרייט,
אַלץ צו שלאָפן גיין איז גרייט.

זעסט די בלום — בייטאָג זי וואַכט,
שליסט צוזאַמען זיך ביינאַכט,
פייגלען דרימלען אויפן בוים,
שלאָף זשע איין אין זיסן טרוים.

שטערן פינקלען, לופט איז קיל,
אַלץ ליגט איינגעטוליעט שטיל.
זון אַוועק איז אויף שפּאַציר,
וואַכט לבנה איבער איר.

שרעק זיך ניט, אויב קראָ דאָרט שרייט.
איינשטילן וועט זי די צייט.
גוטע טויבן ווייס און קלאָר
וועט דיר ברענגען דער קאַיאָר.

שווינדל פויגל

שווינדל, שווינדל־פויגל,
זשוואַווענקער, זשום, זשום.
אין דיין גאָרטן פלאַטערסטו
זויגנדיק אַ בלום.

מיט אַ לאַנגגן שנאָבל
ווי אַ נאָדל דין,
ביסט די קלענסטע חיה
פון דעם פויגל־מין.

ווי אַ בליץ אַ פלי טוסטו,
צוריק קומסט אַלע ווייל
הונג׳ריק צו דעם בלימל
זשוזשעסט אין געאייל.

דינע גרינע פּראָפּעלן
דיינע פליגלען צוויי,
האַלטן אָן באַוועגונג
קענסטו זיך אויף זיי.

לויערט אום אַ שונא,
רויבן וויל דיין נעסט;
מיט דעם שטאַרקסטן פויגל
מאַכסטו אַ פאַרמעסט.

האָסט אַ שאַרף אויג,
אייגעלעך האַלטסטו וואַך;
שרעקט זיך גרויסער פויגל
פאַר דיין שנאָבל שטאָך.

פליען רויבער פויגל
ווייט פון דיר אַוועק;
ווייל דו ביסט אַ בראַוווער,
לעבסטו ניט אין שרעק!

„די מאַדאַם"

מיין חברטע האָט מיך פאַרבעטן
טרינקען ביי איר טיי.
ווייסט איר ווי כ׳וועל זיך פאַרפוצן ?
אָט איז ווי אַזוי :

איבערן קאָפּ געבלימטער שירעם,
אויפן האַלדז אַ שאַל,
מאַמעס האַנט־טאַש, קלייד מיט שלייער,
הוט מיטן וואוּאַל.

פונקט ווי לאַדקעס לאַנגע גרויע
זיינען מאַמעס שיך ;
קיינער וועט גאָרניט דערקענען...
די מאַדאַם — בין איך.

ס׳וואַרט אויף מיר אַ טיש געגרייטער
אויסגעפּוצט פון גראָז;
פול מיט טוי די בלומען שטייען
יעדע בלום — אַ גלאָז.

אויסגעבאַקט פון זאַמד מיט וואַסער
קיכעלעך און טאָרט;
אויסגעטיילט אויף גרינע בלעטער
יעדערן זיין אָרט.

פליען פייגעלעך פאַרביי אונדז
פול מיט פויגל־פרייד;
דאָס איז זיכער, איך געפעל זיי
אין מיין מאַמעס קלייד.

דער ווינט

צווישן די צווייגן
יאָגט זיך דער ווינט.
ער בלאָזט און ער ווייעט,
און איילט זיך געשווינד.

ער פייפט אין דעם שטורעם
און רייסט אַלץ און שרייט.
יאָגט זאַמדן און בלעטער
אַוועק אין דער ווייט.

ס׳קען קיינער ניט זען אים
פון וואַנען ער קומט,
ער לויפט, פליט און פליסטערט
און ליאַרעמט און ברומט.

עס בויגן האַלב מידע
דיביימער די קעפּ;
און קרעכצן מיט ווייטאָג
פון ווינטיקע קלעפּ.

עס טונקלט דער הימל,
מיט וואָלקנס פאַרשפּרייט:
יאָגט ווינט זיך נאָך שטאַרקער
און הוליעט פאַר פרייד.

נאָר פלוצעם האָט רעגן
געגעבן אַ גאָס,
ווען ווינט האָט פאַרגעסן
זיין צייט און זיין מאָס.

דערשראָקן האָט ווינט זיך,
באַהאַלטן אין טאָל.
דאַן זיינען די כמאַרעס
אַוועק מיט אַ מאָל.

האָט זון זיך צעשמייכלט,
און פעלד זיך צעלאַכט.
און וואַלד האָט מיט לעבן
מיט נייעם דערוואַכט.

שוועסטערלעך און ברידערלעך

כ'האָב אַ שוועסטער און אַ ברודער —
ער איז גרויס, שוין פּיר.
און דאָס שוועסטערל דריי־יאָריקס
פּאַסט שוין אויף אויף מיר.

דאָ אַ שוך פון מיר אַרונטער,
שלעפּט מיין זאָק אַראָפּ,
נעמט די האָרלעך מיר פּאַרקעמען,
נעצט מיר איין דעם קאָפּ.

שלעפּט מיין ברודער מיך ביים פּיסל,
כ'גיב אַ פּאַל, אַ זעץ,
קומט די מאַמע באַלד צולויפן —
מיינט איך וויין פון נעץ.

גיט די מאַמע מיר דאָס פלעשל,
כ'טרינק די מילך אויף גיך,
קומט מיין שוועסטערל די גרויסע
נעמט עס צו פאַר זיך.

שטופּט מיין ברודער, שלעפּט מיין שוועסטער
מיך אין זייער שפּיל —
ביז איך פאַל אַוועק אַ מידער
שלאָף איין אויפן דיל.

ווען וועט זיך גלויבן...

ניו־ענגלאַנד ליגט פאַרשנייט איצט,
אַ ווינט אַ קאַלטער בלאָזט.
פון קוימען ציט אַ רויך זיך,
אויף פענצטער מאָלט אַ פראָסט.

די פעלדער ווייס באַדעקטע,
ניטאָ אויף זיי קיין קווייט.
ניו־ענגלאַנד פרירט מיט ווינטער,
מיט קעלט איז אַלץ פאַרוווייט.

נאָר ווען קאָן זיך גלויבן,
אַז אין אַן אַנדער שטאַט
איז אַלץ באַגרינט, באַוואַקסן
ווי פרילינג־צייט כמעט ?

אָט דאָ אין קאַליפאָרניע
עס גרינט, עס וואַקסט, עס בליט ;
נאָר ווען וועט זיך גלויבן
אַ שניי אין ערגעץ שיט ?

מיין גאָרטן פול מיט בלומען,
איך שנייד די גרינע גראָז ;
און דאָרטן אין ניו־ענגלאַנד
עס בייסט און פרירט די נאָז.

דאָ גיסט אַמאָל אַ רעגן,
עס קומט אָן אַ טומאַן,
אויף בערג, אויף גאָר די הויכע,
אַ שניי אָפטמאָל פאַראַן.

נאָר מער פון אַלץ איז זוניק,
דער הימל בלוי און קלאָר.
אַז ערגעץ פאַלט אַ שניי איצט,
ווער קאָן דאָס גלויבן גאָר!

ניט אומעטום איז זוניק,
ניט אומעטום איז שוואַרץ,
בלויז איין זאַך בייט זיך קיינמאָל,
דעם מענטשנס גוטע האַרץ.

אינעם חודש מאַי

אַ, ווי גוט ס'איז, קינדער,
אין דעם מאָנאַט מאַי
שפּילן זיך צוזאַמען
אַלע אויף דער פריי.

אויסגעטאָן די מאַנטלען,
מיט די שווערע שיך,
קען מען העכער שפּרינגען,
קען מען לויפן גיך.

שיינט די זון אַ מילדע,
וואַרעמט יעדן גליד.
קען מען זיך ניט פילן
אומעטיק און מיד.

כ׳נעם אַ פאָן און פייקל,
הויב מיין ברוסט אויף הויך.
קלאַפּ איך מיט מיין פייקל,
און זינג מיט פרישן כוח.

קומט אַהער, איר קינדער,
נעזעלעך ברייט און שמאָל,
וועלן מיר מאַרשירן
אַלע מיטאַמאָל.

העלער זון אַנטקעגן
קומט, מיר וועלן גיין.
זון שיינט פאַר אַלע מענטשן,
אַלע — גרויס און קליין.

שניי שוין לאַנג צעגאַנגען,
ווינטער ווייט אַוועק.
איצטער וועלן קומען
בלויז שיינע זומער־טעג.

שניי, פרייד און געלעכטער

איינס און צוויי און דריי און פיר,
פרייע קינדער זיינען מיר.
מיט דעם שניי דעם פייכטן, קילן,
לאָמיר נעמען, קינדער, שפּילן.

וואַרפן קנוילן איינס צום צווייטן,
פון דעם שניי, דעם ווייס פאַרשפּרייטן.
קייקלען זיך אין שניי און יאָגן,
און ווי פערדלעך זיך צעטראָגן.

ס׳איז אונדז גוט אַזוי אין דרויסן,
שפּילן אויף דער לופט דער ריינער,
ווען די גלידער זיינען גאַנצע,
און געזונט זיינען די ביינער.

כ׳האָב געהערט די גרויסע רעדן,
ווילן לופט אונדזערע פאַרסמען,
לאָמיר קינדער זיי ניט לאָזן,
רעדט צום טאַטן און דער מאַמען.

און די שרעק פאַר אַ מלחמה
פאַרבייטן מיר אויף געלעכטער.
דער וואָס טראַכט נאָר בלויז פון שלאָגן,
ער איז קיינמאָל קיין גערעכטער.

אויף דעם שניי קומט טאָפּטשען, שפּרינגען,
און דערביי אויך זינגען לידער.
ווייל אין פרייד און אין געלעכטער
ווערן אַלע מענטשן ברידער.

איך פרעג און פרעג

איך גיי אַרום און פרעג און פרעג,
גאַנצע שעהען, גאַנצע טעג.
ווי איך קריג אַן ענטפער נאָר
איז מיר עפּעס שוין ניט קלאָר.

פרעג איך, פּאַפּאַ, וואָס דאָס איז ?
ער, מיין פּאַפּאַ, איז אַ ריז !
ווייס פון אַלצדינג אויף דער וועלט,
ווער אַ פראַגע אים נאָר שטעלט.

און פאַרריכטן קען ער אַלץ :
אַ צעבראָכענס, אַ צעשפּאַלטס,
זאָרג איך זיך ניט אין מיין שפּיל,
ער'ט פאַרריכטן, וואָס איך וויל.



ווײל איך טאַקע װײסן באַלד:
צי דער זון איז גאָר ניט קאַלט?
מוז דאָס גראָז זײַן גרין, ניט גרוי?
און דער הימל װײַט אַזוי?

וואו איז דאָס מויל וואָס בלאָזט דעם ווינט?
און די האַנט פון שפּין, וואָס שפּינט?
פאַרוואָס דער בוים וואַקסט הויך און ברייט,
און דער וואָרעם קריכט, ניט גייט?

די לבנה שטענדיק לאַכט;
שלאָפט זי קיינמאָל ניט ביינאַכט?
ווער צינדט עס די שטערן אָן?
און ווער די שיסל פון ים גיסט אָן?

איז דער באַרג פון שטיין, צי שטאָל?
ווער גראָבט אויס דעם טיפן טאָל?
ענטפערט פאַ אויף יעדער זאַך,
נאָר איך ווייס נאָך אַלץ ניט קיין סך.

אַ פּ ע נ ע ץ ב ר ו י ט

די מאַמע האָט מיר געגעבן
אַ פּענעץ ברויט אין האַנט.
מיט יעדן, יעדן ביסן
ווערט עס אַנדערש נאָכאַנאַנד.

אַ ביס אַריין אין מיטן,
דער טיש — איז שוין אַ ים.
עס האָט מיין קליין שיפל
אַזאַ געשמאַקן טעם!

אַ ביס — עס פאַרט אויף רעדער,
עס רוישט, עס פייפט מיין באַן.
אַ הויב־אויף אין דער לופטן,
עס פליט מיין עראָפּלאַן.

און וויל איך — קען עס פליען
נאָך שנעלער פון אַ דזשעט.
אַז דאָס איז זיכער גאָר קיין ניט
איז זיכער, יעדער זעט.

אָט בייס איך אויס צוויי פענצטער,
אָט בייס איך אויס אַ טיר,
און אָט האָב איך אַ שטיבל
שוין אויסגעבויט פאַר מיר.

צום שטיבל דאַרף מען מעבל:
אַ טיש, אַ שטול מיט פיס.
ס'איז גאָר קיין שווערער ענין,
עס ווענדט זיך אָן דעם ביס.

איין ביס איז די לבנה,
איין ביס איז גאָר די זון,
און באַלד וועט מיר שוין בלייבן
מער גאָרנישט פון דערפון.

מיין לעצטער ביס — אַ סאַטעליט,
וואָס דרייט זיך הויך און ווייט.
איך האָב עס אַלץ אינאיינעם,
אין מויל מיינעם צעקייט.

מ י י ן ק ע צ ע ל ע

קום און זע מיין קעצעלע!
איך רוף זי „קעצל־פויל״;
זי שלאָפט און שלאָפט אַ גאַנצן טאָג,
צונויפגעדרייטער קנויל.

איך גיס אָן מילך אין שיסעלע,
אַהאַ, זי איז שוין וואַך!
זי לעקט שוין מיטן צינגעלע
ווי ס׳גייט איר אָן קיין זאַך.

מיט אייגעלעך פאַרזשמורעטע,
מיט לאַנגע וואָנצעס צוויי,
דאָס צינגל בלויז אַ רויטינקעס,
אַליין ס׳איז ווייס ווי שניי.

זי ליידיקט אויס דאָס שיסעלע
און דרימלט ווידער איין.
די בויגעוודיקע פיסעלעך
אין קערפּער טוליעט איין.

זי אָטעמט אַזוי הייזעריק,
אַ סימן, ס׳איז איר וואויל.
זי וועקט זיך, וועקט פאַוואָלינקע,
מיט גענעץ אויף איר מויל.

זי לעקט גוט אויס דאָס פּיסעלע
און ווישט איר פּנים אויס,
און קומט צו מיר אַ ריינינקע,
באַזעצט זיך אין מיין שויס.

איך רייץ זי מיט אַ שטריקעלע,
זי כאַפּט מיט נעגל אָן,
און ס׳דוכט מיר אַ צעשמייכלטע
זי ליגט און קוקט מיך אָן.

זי פאָלגט מיר נאָך וואוהין איך גיי,
אין גאַס, צוריק אין שטוב,
כ׳ווייס, און כ׳ווייס מיין קעצעלע
ווי שטאַרק מיר האָבן זיך ליב.

חנוכה

ס׳איז חנוכה היינט, קינדער,
אַהער קומט, יינגלעך, מיידלעך,
מיר וועלן עסן לאַטקעס
און שפּילן זיך אין דריידלעך.

אַ ליכטל יעדן אָוונט
מיר צינדן־אָן אַ קליינע,
אַכט ליכטעלעך אין איינעם
דערציילן מעשיות שיינע.

אין מודיעין מתתיהו,
האָט פינף זין דערצויגן;
ניט קניען פאַר קיין געטער
פאַר קיינעם זיך ניט בויגן.

אַ קעניג בייז און גרויזאַם
געהערשט איבער ישראל:
באַרויבט, געשלאָגן יידן
געלאָזט זיי נאַקעט־הויל.

יהודה המכבי,
דער גרעסטער העלד ביי יידן,
פון שטאָל אַ שווערד אַ שאַרפע
גענומען פאַר זיך שמידן.

קעגן סירישע אַרמייען
(פון טויזנטער באַשטאַנען),
יהודה און די ברידער
געפירט די פּאַרטיזאַנען.

פערציק טויזנט שונאים
געבליבן זיינען ליגן.
פערציק טויזנט מערדער
געפאַלן ווי די פליגן.

דעם מקדש דעם פאַרשעמטן,
באַשמוצטן, אויסגעשייערט —
און דאָרט האָט מען דעם יום־טוב
פון חנוכה געפייערט!

מיר צינדן אָן די ליכטלעך
די העלדן צו געדענקען;
זיי האָבן אונדזער גלויבן
מיט מוט און ליכט באַשאָנקען.

באַלאַדע וועגן אַ מעסערל

(לויט שלום עליכמס קינדער־מעשה „דאָס מעסערל״)

הערט, קינדערלעך, איך וויל אייך
אַ מעשהלע דערציילן,
אַ מעשהלע פון אַ יינגעלע,
אַ יינגעלע אַ וואוילן.

עס האָט זיך שטאַרק דעם יינגעלע
אַ מעסערל געוואָלט;
אַ מעסערל אין קעשענע,
האָט יעדעס יינגל האָלט.

דעמאָלט האָבן קינדערלעך
קיין שפּילצייג ניט געהאַט.
אויך עסן האָבן קינדערלעך
דאַן ניט געהאַט צו זאַט.

און בערלס טאַטע איז געווען
אַ קבצן גאָר אַ שרעק.
געוואָלט האָט בערל אַ מעסערל,
געחלומט גאַנצע טעג.

ווען ער פאַרמאָגט אַ מעסערל,
וואָלט עס געווען זיין שטאָלץ!
האָט ער זיך איין מאָל אויסגעשניצט
אַ מעסערל פון האָלץ.

זיין חלק ברויט אויף שטיקעלעך
געשניטן ער דערמיט;
און ווי דאָס ווייסל פונעם אויג
דאָס מעסערל געהיט.

זיין טאַטע, דער אַלטמאָדישער,
דער קראַנקער, בייז, מיט כעס,
אַרויסגעכאַפּט דאָס מעסערל,
פאַרוואָרפן ווייט אין גאַס.

„דו גרויסער בחור פון אַכט יאָר,
אין חדר בעסער גיי!"
נאָר ער האָט נאָכן מעסערל
געבענקט, געבענקט אַזוי.

איין שיינעם טאָג — אַ רייכער גאַסט
צו זיי אַהיים געקומען.
דאָס שענסטע צימער פון דעם הויז
דער אורח האָט פאַרנומען.

אָנגעטאָן גאָר עלעגאַנט,
געדעדט — האַלב דייטש, האַלב יידיש —
אַן אַפּיקורס אין זיין היים?
האָט בערלען שטאַרק געחידושט...

אַ ייד, וואָס גלויבט גאָרניט אין גאָט,
קען נאָך מגלגול ווערן
אין אַ בהמה, קאַטשקע, וואָלף,
אַ פערד — כ׳קען גאָר שווערן!...

און טראַכטנדיק אַזוי פונעם גאַסט,
באַקוקנדיק זיין צימער,
אַ מעסערל מיט גלאַנץ און פּראַכט,
געטאָן האָט פאַר אים אַ שימער.

אַ מעסערל דאָרט אויפן טיש
מיט קלינגעלעך צוויי שאַרפע...
זיין האַרץ אַ ציטער האָט געטאָן
ווי סטרונעס פון אַ האַרפע.

און איידער וואָס — אָט האַלט ער שוין
אין די קעשענעס די הענט,
און ס׳ליגט שוין דאָרט דאָס מעסערל
אין קעשענע — און ברענט...

און ס׳רעדט צו אים דאָס מעסערל:
אים דוכט זיך, אַז ער הערט,
„גיב־אָפּ צוריק — אַניט וועט זיין
דיין לעבן דיר געשטערט!"

ווי קען ער צוריק גאָר געבן ?
אַזאַ גרויס פאַרמעג !
פון מעסערל האָט ער געטרוימט,
געחלומט גאַנצע טעג !

דאָס מעסערל געגלעט האָט ער
אין בעט די גאַנצע נאַכט.
דורך פענצטערל לבנה קוקט
און לאַכט פון אים און לאַכט.

עס דוכט אים — פינגער טויזנטער,
זיי טייטלען־אָן אויף אים...
„אַ גנב ביסטו, בערעלע",
ער הערט, עס שרייט אַ שטים.

ער קען ניט רוען אין זיין בעט,
עס נעמט אים ניט קיין שלאָף ;
אַ שווערע שרעק פאַלט אָן אויף אים,
עס נעענטערט זיך זיין שטראָף...

ווי צונגען־פלאַמען פלאַטערן,
דעם גיהנם ער דערקענט.
אַ פייער־שטיק זיך ציט צו אים,
אים דוכט שוין, אַז ער ברענט !

ווען מעסערל אַריינגעלאָזט
האָט ער אין ברונעם טיפן,
האָט ער דערפילט, ווי ס'וואָלט זיין בלוט
פון האַרץ גענומען טריפן.

און כאַטש ער האָט דאָס מעסערל
פֿאַרוואָרפֿן טיף אין ברונעם,
האָט ער שוין מער קיין רו פֿאַר זיך
אין ערגעץ ניט געפֿונען.

דער רבי האָט באַשטראָפֿט אַ ייִנגעלע
פֿאַר גנבֿענען אַ גראָשן.
האָט ס׳גאַנצע ליכט ביי בערעלען
פֿון די אויגן זיך פֿאַרלאָשן.

האָט בערעלע שוין מער קיין זאַך
דאַן ניט געקענט פֿאַרטראָגן.
אַ קראַנקן האָט מען בערעלען
אַ היים געבראַכט צו טראָגן.

האָט בערעלע גערעדט פֿון היץ,
פֿון מעסערלעך, פֿון פֿלאַמען,
האָט ער אַפֿילו ניט דערקענט
זיין טאַטן און זיין מאַמען.

עס זיינען טעג נאָך טעג אַוועק,
וואָכן און מאָנאַטן,
און פּלוצלונג — בערעלע דערקענט
זיין מאַמען און זיין טאַטן.

אַ פֿרייד האָט אַלעמען באַהערשט,
געווישט האָט מען די טרערן,
עס בעסערט זיך שוין בערעלע,
ער וועט געזונט שוין ווערן.

אַוועק איז בערעלע צוריק
צו לערנען זיך אין חדר ;
ס׳איז גוט צו לעבן אויף דער וועלט,
האָט ער געטראַכט כסדר.

און צו זיין האַרץ געדריקט האָט ער,
מיט ליבע זיין גמרא,
קיינמאָל מער ניט גנבענען,
האָט ער זיך פאַרשוואָרן.

ס׳איז גוט צו זיין אַן ערלעכער,
ניט נעמען זאַכן פרעמדע ;
איצט לעבט אין פרייד שוין בערעלע —
מיין מעשה איז געענדיקט !...

דער קליינער רעדנער

איך בין אַ קליין ייִנגל,
און שפּיל זיך מיט אַ וואָגן.
כ׳קאָן קיין וואָרט ניט אויסריידן,
נאָר כ׳האָב אַ סך צו זאָגן.

אַרבעט מאַמע אין דער קיך,
איך צופּ זי ביי דעם קלייד,
איך רעד מיין שפּראַך און רעד זי שנעל,
פאַרשטייט זי מיינע רייד.

זאָגט זי מיר יאָ, זאָגט זי מיר ניין,
קוקט ליב צו מיר אַראָפּ,
זי קוקט מיך מיט אַ שמייכל אָן
און שאָקלט מיטן קאָפּ.

און אָפּטמאָל זאָג איך גאָר אַרויס
אַזעלכע קלוגע זאַכן,
אַז מיין מאַמע מוז זיך הויך
אויפן קול צעלאַכן.

ווייל איך בין אַ ייִנגעלע
אַ גוטער, גאָר אַ גוטער,
ליבן זיי מיך זייער שטאַרק,
מיין פאָטער און מיין מוטער.

פרייען מיר זיך אַלע דריי
אין דער שפּיל צוזאַמען,
ס׳האָבן טאַטע־מאַמע מיך,
זייער גוט פאַרשטאַנען.

צוויי חברים

האָט אַ ייִנגעלע באַגעגנט
זיינס אַ חבֿרל אין גאַס.
האָבן ביידע באַלד גענומען
שפּילן זיך און מאַכן שפּאַס.

האָבן אייגעלעך צעשיינט זיך,
קאַרשן שוואַרץ און הימל בלוי.
איינס אַ גרייזלדיקס ברוין קעפּל,
און דאָס צווייטע בלאָנד ווי שטרוי.

האָבן הענטלעך זיך פֿאַרפּלאָכטן,
שטעלן פֿיסלעך גיכע טריט.
ווי צוויי ברידערלעך מאַרשירן
ווייסער דזשאַני, ברוינער פּיט.

קוקן שוואַרצע אום פֿאַרוואונדערט,
קוקן ווייסע מיט פֿאַרדאַכט,
ווי עס שפּילן זיך צוויי קינדער
אין דער קילקייט פֿון פֿאַרנאַכט.

שווימט די לבֿנה זיי אַנטקעגן
מיט צעשמייכלטן געזיכט,
ווייל עס שטיפֿן אום צוויי ייִנגלעך
אונטער זילבערדיקער ליכט.

וואַרפט לבנה צו זייביידן
שאָטנדלעך אונטער די טריט —
שאָטנדלעך פון צוויי חברים,
ווייסער דזשאַני, ברוינער פּיט.

שפּילט מען זיך מיט ליכט און שאָטנס,
ווייסע נאַכט האָט אויסגעשפּרייט.
קייקלט זיך אין לופט געלעכטער
פון דער קינדערישער פרייד.

נאָר עס קוקן טאַטעס, מאַמעס,
ווער מיט וואונדער, ווער מיט פאַרדאַכט,
ווי עס שפּילן זיך צוויי קינדער
אין דער קילקייט פון דער נאַכט.

זייפן-בלאָזן

כ׳נעם אַ גלאָז מיט זייף-וואַסער
און זעץ זיך אויפן שוועל
און בלאָז דורך דינעם טרייבעלע
די זייפן-בלאָזן שנעל.

זיי יאָגן זיך, און טראָגן זיך
אַרויף אין לופט און דרייען;
אָט שוועבן זיי צו דריי, צו פיר,
אָט שוועבן זיי אין צווייען.

ווי פּיל־קאָלירטע קייקעלעך
ווי דינער גלאָז צעבלאָזן;
אָט פליען זיי אַרויף, אַרויף,
אָט נידער אויף די גראָזן.

זיי מיניען זיך, זיי קייקלען זיך,
זיי בלישטשען און זיי בלימען.
אויף שטילע כוואַליעס פון דער לופט
פּאַוואָלינקע זיי שווימען.

איך בלאָז און בלאָז דורך טרייבעלע
די לויטערע בריליאַנטן.
זע ווי זיי פלעכטן זיך
די בלעזעלעך־גירליאַנדן.

און אָט איז מער קיין זייף־וואַסער
אין גלעזעלע געבליבן;
די שיין־קאָלירטע בלעזעלעך
דער ווינט צעבלאָזט, צעטריבן.

די קרעלנדיקע בלעזעלעך
מיט איינמאָל ניט געוואָרן;
ווי אַ חלום זיס אין מיטן טאָג
געגאַנגען איז פאַרלאָרן.

כאָטש זייף־וואַסער צו יעדער צייט
דאָס קען מען דאָך באַקומען,
דאָך װעלן זייפן־בלעזעלעך
נאָך אַלץ ווערן צערונען.

די פייגל קומען

ווידער קומט שוין אָן דער פרילינג.
יעדער פויגל האָט זיין צווילינג.
הערן זיך אין לופט געזאַנגען,
פול מיט פויגל ליבעס־קלאַנגען.

איילן זיך ווי אין פאַרמעסטן,
בויען פאָרזיכטיק די נעסטן.
גרייטן צו פאַר זיך דעם מאָרגן,
דאַרפן פייגל זיך ניט זאָרגן.

פליט מען, יאָגט מען איינס דאָס צווייטע,
די פאַרליבטע, די דערפרייטע,
פויגל־כלה, פויגל־חתן
האָבן תנאים שוין געשלאָסן.

אויסגעפוצט שטייט בוים מיט בליטן,
פול מיט ווייסן, בליען צווייטן.
פרייט זיך פויגל, קלינגט איר טרעלן,
ס'וועט איר איצט קיין זאַך ניט פעלן.

וואָס מיר דאַכט

ווייסט איר קינדער וואָס מיר דאַכט ?
נאַטור אַ טעות האָט געמאַכט.

ווינטער ווען ס׳איז רוי און קאַלט
די זון זיך ערגעץ וואו באַהאַלט.

זומער, הייס, די לופט זי שטיקט,
אַ ביסל שניי וואָלט אונדז דערקוויקט.

דער בוים שטייט נאַקעט אין דער קעלט
עס איז גאָר אַ פאַרקערטע וועלט !

אָנגעטאָן אין בלאַט און פּוץ
איז דער בוים אין סאַמע היץ !

ווען איך וואָלט געהאַט די מאַכט,
אַנדערש כ׳וואָלט די וועלט געמאַכט.

כ׳וואָלט געמאַכט אַ וועלט אַ נייע
ס׳וואָלט געווען גאָר אַ מחיה !

ווינטער וואַרעמער, זומער קילער,
ווינטן רואיקער און שטילער.

ביימער כ׳וואָלט געמאַכט מאָדערן
לאַלי־פּאַפּס ווי לאַנגע מערן

וואָלטן וואַקסן פון די צוויטן
פול מיט שאָקאָלאַד אין מיטן.

און סאָדע־פּאַפּ פון טייך וואָלט פליסן
פול מיט סיראָפּ רויטן, זיסן.

אייז־קרים פון דעם שניי דעם ווייכן,
ביז די דעכער וואָלט דערגרייכן.

קיינעם וואָלט קיין זאַך ניט פעלן.
ניט קיין רעגן, נאָר קאַרעלן

וואָלטן פאַלן אויף דער ערד דאָ.
קיינעם וואָלט מען ניט געשטערט דאָ.

הויפנס גאַנצע אייז־קרים לעקן,
גוטס פאַר אַלעמען וואָלט קלעקן.

קינדער ווי קאָלירטע בלומען
וואָלטן אָפּט צו מיר געקומען.

און יעדן טאָג אַן אַנדער ליאַמע
וואָלט געמאַכט פאַר אונדז די מאַמע.

וואָלט איך גאָר געהאַט די מאַכט,
אַנדערש כ׳וואָלט די וועלט געמאַכט. . .

הוידאַ־דא, הוידאַ־די

הוידאַ־דא, הוידאַ־די
אויף מיין הוידע הויך איך פלי.

כ׳גיב אַ בויג מיינע קני,
גיט די הוידע זיך אַ צי.

כ׳פלי אַרויף, כ׳פלי אַראָפּ
אין דער לופט אַריין גאַלאָפּ.

נאָך איין מאָל אַ ראַזמאַך —
און איך ריר באַלד אָן דעם דאַך.

אַלץ קומט־צו נאָענט אַזוי —
גרינע גראָז און הימל בלוי.

פון אַ קוימען גייט אַ רויך,
כ׳וועל דערגרייכן אים באַלד אויך.

ס׳איז די וועלט ברייט און גרויס,
נאָר מיין רייזע איז באַלד אויס.

ס׳וויגט אַהער, ס׳וויגט אַהין
אויף דער ערד כמעט איך בין.

פון דער הוידע כ׳גיי אַראָפּ,
איידער ס׳דרייט זיך מיר דער קאָפּ.

גיי איך מיר און זינג און זינג,
אויפן האַרצן איז מיר גרינג.

ווינטער

אין אַווירבל־ווינט געדריי
פֿאַלט אַ ווייסער, דינער שניי;
שטייט דאָס בוימעלע פֿאַרשנייט
ווי עס טראָגט אַ חופּה־קלייד.

ווי אום יום־טוב־טיש געגרייט,
שטייען פֿעלדער ווייס־פֿאַרשפּרייט.
צויבערט זילבערבערג די נאַכט,
הימל ווינטערדיק פֿאַרטראַכט.

האָט אַ ווינטל זיך צעווייט
איבער דעכער וואָס פֿאַרווייט.
שיט אַ דינער שניי און שיט,
דעקט צו פֿריערדיקע טריט.

צום קאַיאָר פּירט־צו די נאַכט,
ווערן טירן אויפגעמאַכט.
ס׳קריפּעט שניי מיט יעדן טראָט,
וועקט זיך אויף די ווייסע שטאָט.

געגעצט קוימען אין דער הויך,
שניי צעמישט זיך מיטן רויך.
צווישן קרייזלדיקן געדריי
רייסט אַ שטראַל זיך דורכן שניי.

נ י ו - י אָ ר ק

די מעשה „ניו יאָרק״
איז טשיקאַווע ביז גאָר.
איך וויל עס מאַכן
פאַר אייך טאַקע קלאָר.

צו ערשט זיך באַוויזן
דער אינדיאַנער אָט דאָ.
געבויט זיינע „וויגוואַמס״
האָט ער מיט זיין „סקוואָ״.

מיט פעדערן־קרוינען
אויף זייערע קעפּ.
די האָר שוואַרצע, לאַנגע
פאַרפלאָכטן אין צעפּ.

די האָלענדער האָבן
אַ פעסטונג געשטעלט,
געקומען, פאַרנומען
די גאָר־נייע וועלט.

באַפוילן האָט דער ענגלענדער
מיט שווערד אין זיין פאַס,
די האָלענדישע מענטשן
פאַרלאָזן די גאַס.

געקומען דער יענקי
מיט ביקס אין זיין האַנט,
געזאָגט: „איר זאָגט וויסן,
דאָס איז אונדזער לאַנד!"

אויף ברעגן פון האָדסאָן,
דורך לענג פון דעם טייך,
האָבן פעלקער גענומען
באַזעצן זיך גלייך.

געבראַכט אַלע קרובים,
געבראַכט אַלע פריינט.
דעריבער איז „גאָטהאַם"
אַ גרויסע שטאָט היינט.

האָבן סלאַוון און נעגער
און יידן צוגלייך,
געהאָלפן צו מאַכן
ניו יאָרק שיין און רייך.

איצט ציילט מען די מענטשן
מיליאָנען שוין אַכט.
און ווייסט איר נאָך וועמען ?
אויך מיך ט'מען אַהין געבראַכט !



סוף זומער

סוף זומער, סוף זומער.
בלאָזט אַ ווינטעלע שוין קיל.
מחנות פייגל פליען, פליען,
האָבן מיר קיין צייט פאַר שפּיל.

פאַלט אַ ראָסע אַ געדיכטע
אויף די בלומען, אויפן גראָז,
ווי ס׳וואָלט וועלן נייעם אָטעם
געבן צו דער לעצטער רויז.

פאַלט דאָס עפּעלע דאָס רייפע
און עס קייקלט זיך אַראָפּ;
קוקט דער עפּל־בוים מיט ליבע
שאָקלט צערטלעך מיטן קאָפּ.

שניידט דער פאַרמער מיטן טראַקטאָר
אין דעם גאָלדענעם פעלד אַ וועג,
שושקען זיך די בלאָנדע זאַנגען,
ציילן שוין די לעצטע טעג.

איילט זיך וועווערקע נאָכן ניסל,
פאַר דעם ווינטער גרייט זיך אָן,
איידער ס׳קומט איר לאַנגע שלאָף־נאַכט
קלייבט זי, נישטערט פיל זי קאָן.

סוף פון זומער, סוף פון זומער
ווערט מיט פריילעכקייט באַגלייט,
ווייל אין אויפקלייבן די תבואה
איז פאַראַן אַזוי פיל פרייד.

וואו איז דאָ דער שכל?

מאַמע, ליבע, כ׳בעט ביי דיר,
דערקלער דאָס מיר אַליין:
דענקסטו אַז אַ גרויסער
קאָן אַ קינד פאַרשטיין?

אַ קניפּ אין באַק, אַ צי די האָר,
און וויל פון מיר אַ שמייכל;
אפשר קענסטן זאָגן מיר
וואו איז דאָ דער שכל?

ער נעמט צו זיך מיך אין זיין שויס,
כאָטש איך וויל גראָד זיך שפּילן.
און בעט מיר מיאַוקען ווי אַ קאַץ,
און ווי אַ הונט כ׳זאָל בילן.

טרייסלט, וואַרפט מיך אין דער לופט
און קוועלט, בעת איך האָב מורא.
רייצן זיך מיט מיר דענקט ער,
איז אַ גרויסע תורה!

עס טרעפט אַמאָל מען רעדט צו מיר
נאָר איך וויל גראַדע שווייגן,
צווייפלען זיי צי כ׳האָב אַ צונג —
מוז איך עס באַווייזן!

און דו זאָגסט, מאַמע, ס׳איז ניט שיין
אַ צונג אַרויסצושטעלן;
נאָר די גרויסע, דוכט זיך מיר,
איז מיין צונג געפעלן!

גרויסע האָבן אויערן,
נאָר זיינען טויב, כ׳קען שווערן!
ווייל מיין שפּראַך ניט אַלע מאָל
קאָנען זיי דערהערן.

ענטפערן זיי בויבעריק,
איך זאָג דיר, ס׳איז צום לאַכן!
איך דענק מען מעג די גרויסע אויך
אויסלערנען פיל זאַכן...

האַרבסט

ווידער פאַלן שוין די בלעטער
פון די ביימער גאָלדיק־געל.
ווי דער האַרבסט וויל זיך באַזעצן
טאַקע גלייך לעבן מיין שוועל.

ווי די זון וואָלט אָפּגעקילט זיך,
און ס׳ווערט בלאַסער הימל־בלוי,
ווי די זומערדיקע שטראַלן
אָפּגעוואַשן וואָלט דער טוי.

ס׳הערשט אַ רואיקייט אין אומרו,
אין דעם יאָגן זיך פון ווינט,
פון דעם רויך, וואָס ציט פון קוימען,
אין דער גרינקייט וואָס פאַרשווינדט.

אויפגעקליבן זיינען פרוכטן,
אָפּגעשאָרן איז די זאַנג,
סודעט תמימותדיק דער וואַלד זיך,
בענקט נאָך פייגלשן געזאַנג.

בויען פייגל מער קיין נעסטן,
נאָר זיי פליען ווייט אַוועק.
ציט די נאַכט צו מערער שעהען,
ווערן קירצער שוין די טעג.

מיין עפּל־בוים

אין פרילינג־צײַט מײַן ביימעלע
איז פול מיט עפּל־צוויטן.
פליט אַרויף אַ פייגעלע —
ווי ווייסער שניי נעמט שיטן.

קומט זומער־צײַט מיט גרינעם בלאַט
ווערט דער גאַנצער בוים באַשאָטן,
און גוט איז אונטער אים צו זײַן,
ס׳איז אַזוי קיל אין שאָטן.

אין האַרבסט די עפּל ווערן גרויס,
זיי בעטן זיך צום רייסן,
די רייפע, רויטע, רונדיקע,
די זאַפטיקע — צום בײַסן.

קומט ווינטער־צײַט, דאַן אונדזער בוים
שטייט נאַקעט און פאַרפרוירן,
און וואַרט אויף פרילינג־צײַט צוריק,
צו ווערן ניי געבוירן.

די חיות און דער יעגער

מיט אַ קויל און ביקס אין האַנט
געקומען איז אַ יעגער.
האָט דער וואַלד צעשריען זיך:
— „וואַכט אויף, עס קומט אַ שלעגער".

יעדע חיה האָט אויף גיך
אָנגעשטעלט איר נעזל,
איז דער ערשטער גלייך אַנטלאָפן
דאָס אָנגעשראָק׳נע העזל.

פוקס, דער קלוגער, האָט דערהערט
אומבאַקאַנטן טומל;
— „ס׳איז אַ חלום" — ט׳ער געטראַכט
און צוריק אַריין אין דרימל.

שווערער, שוואַרצער בער דערזען,
אַז עס קומט אַ צרה,
איז ער בייזערהייט פּאַמעלעך
אַריין צוריק אין נאָרע.

בלאָנדער קעפּיק־צרייטער לייב
געגעבן האָט אַ רעווע,
שטיין געבליבן אויף איין אָרט,
ווי עס איז זיין טבע.

פוסיק־דינער, פלינקער הירש,
מיט הערנער בוימער־צווייגן,
אויפגעהויבן האָט זיין קאָפּ,
ווי בלויז זיך צו באַווייזן.

ווערוויק איז אויף אַ צווייג
פון אַ בוים געזעסן,
געלאַשטשעט זיינע ניסעלעך
און רואיק זיך געגעסן.

דער יעגער האָט זיין ביקס געגלעט,
אָנגעשטעלט אויף שיסן,
און דעם וואַלד מיט טויט־קוילן
געוועזן גרייט באַגיסן.

דער וואַלד דערפילט האָט גרויס געפאַר
און האָט גענומען וועקן,
האָבן חיות זיך באַוויזן
גלייך פון אַלע עקן.

האָט דער גרינער, שלאַנקער וואַלד
אויסגעגלייכט זיין פּלייצע:
— חיות, הערט זיך צו מיט קאָפּ,
איך האָב פאַר אייך אַן עצה —

טרייבט דעם יעגער, יעדער איינער
אויף זיין אייגענעם אופן,

וועט דער יעגער ווילד־דערשראָקן,
ווייט פון דאָ אַנטלויפן.

חיות ווייסן ניט ווי אַזוי
אַ ביקס, אַ שווערד צו שאַרפן,
און זיי קענען ניט אַפילו,
שטיינדלעך הייבן, וואַרפן.

חיות האָבן פלינקע פיס
און זייער שאַרפע אויגן.
דערזען דעם יעגער — זיינען אַלע
קעגן אים געפלויגן.

ווי די זאַמדן פון די בערג
וואָלטן זיך צעטראָגן,
האָבן חיות מחנות גאַנצע
געיאָגט זיך און געטראָגן.

האָט דער יעגער ווי אַ חיה
אָנגעהויבן ברומען.
נאָר עס האָט אים ניט געהאָלפן,
זיין סוף איז געקומען.

איצט איז דער וואַלד געוואָרן
פריי פון אַלע יעגער,
וועט שוין מער אַהין ניט קומען
קיינמאָל ניט — קיין שלעגער.

יינגעלע דו קליינס

זאָג מיר, יינגעלע, דו קליינס,
וואָס האָסטו אין האַנט אַזוינס ?
וואָס דיין אויג נאָר דערזעט
ציט עס דיך ווי אַ מאַגנעט.

גיסט עס גלייך, אַ ריר, אַ כאַפּ,
צי אַ שטויס, אַ שטופּ, אַ קלאַפּ,
גיסט מיט נייגיר זיך אַ לאָז
שטעלסט אָן ליפּן, אויג און נאָז.

אויב עס האָט אַ שרויף, אַ טשוואָק,
(אַ געזונט נאָר דיר אין קאָפּ),
גיסט אויף שנעל עס אַ צענעם,
דאַרפסט קיין שרויף־ציער פאַר דעם.

ביסט נאָך פלינקער פון דעם ווינט,
אַ מעכאַניק ביסט מיין קינד,
ווי איך גיב זיך אַ דריי־אויס,
איז אַ חורבן שוין אין הויז.

ווערט פון טעלערל אַ שערבל,
הענגען, „לאָקשן" פון דעם קערבל,
פעלט דעם זייגער שוין אַ האַנט,
און ס'איז „פריילעך" אויף דער וואַנט.

האָסט באַצייכנט און באַשריבן,
אויפן דיל דעם קרייד צעריבן.
קום שוין, תכשיט, כאַפּ אַ דרימל,
נאַ, פאַרטו זיך מיט אַ זעמל.

וועסט אַן אינזשענער שוין ווערן,
און דער בעסטער אויך, כ׳קאָן שווערן.
יינגל, גיי דערווײַלע שלאָפן,
וועל איך זיך אָפּרוען און האָפן!

פרילינג-פריילעכער פרימאָרגן

פרילינג-פריילעכער פרימאָרגן,
זון האַלט גרינס אין גאָלד געהילט.
אַלעס זינגט מיט נייער פרישקייט,
טוי אויף גראָז און זון זיך שפּילט.

און די טירעלעך פון שטיבער,
ווי פון שטייגן אויפגעמאַכט,
אונטער צאַרטן גלעט פון פרילינג
אַלץ וואָס שלאָפט ווערט אויפגעוואַכט.

און אויף טרעפּעלעך פֿון שוועלן
קינדער־פּנימלעך צעהעלט.
אין אַ פֿרילינגדיקן פֿרימאָרגן
קוקט אויס ברייט און יונג די וועלט.

אין די נעסטן מאַמע־פֿייגל
וואַרעמען אייעלעך גוט אויס,
ביז זיי שפּאַלטן זיך מיט רייפֿקייט,
קומען פֿייגעלעך אַרויס.

און די מאַמע־קאַץ מיט ליבע,
אירע קעצעלעך באַטראַכט,
לעבן הינטעלעך גאָר יונגע,
ליגט די מאַמע־הונט באַזאַכט.

הון ברענגט הינדעלעך צופֿירן,
פֿון דעם שאָלעכץ איצט אַרויס,
יעדעס הינדעלע, דאָס פּוכיקס.
ווי אַן איי איז פּונקט די גרויס.

שאַרט די מאַמע־הון און נישטערט.
פֿליגלען אירע האַלט צעשפּרייט,
קערנדלעך אויף ערד געפֿונען,
רופֿט זי קינדערלעך מיט פֿרייד.

און אַ קעלבעלע צעטאַנצט זיך,
גיט די פֿיסעלעך אַ הויב,
ווי זי וואָלט געווען צופֿרידן,
פֿון איר מאַמעס שטילן לויב.

און אַ שעפּסעלע, אַ קליינטשיקס,
טוליעט זיך צו מאַמעס זייט,
ס׳אָטעמט אַלץ מיט פרייד און לעבן,
אין דער יונגער פרילינג־צייט.

ס׳אָטעמט אַלץ מיט פרייד און לעבן,
די נאַטור האָט עס געבענטשט,
ניט פאַרסמט אונדז, אַלעס בעט זיך —
לאָז אונדז לעבן, גוטער מענטש.

מירעלעס חלום

מירעלע, מירעלע שלאָפֿט זיך אין בעט,
לבֿנה, צעשמייכלטע, זעט זי און גלעט.
דאָס ווינטעלע קיל קוקט דורך פֿענצטער אַריין,
און בלאָזט אירע צעפּעלעך דורך זילבערנעם שיין.

די פֿענצטער זיי גיבן זיך שנעל אַ צעפּראַל,
אַ צעשטערנטער הימל טוט זיך אַ צעפּראַל.
מירעלע הייבט זיך אין לופֿט מיט דעם בעט,
זי פֿליט אין די הימלען, זי פֿליט ווי אַ דזשעט.

זי פֿליט איבער די וואָלקנס פֿון שטערן צו שטערן,
אין הויכיקער־הויכקייט אַריבער די ספֿערן.
די ערד איז גאָר אונטן, און זי העט, העט אויבן,
די פּראַכט און די שיינקייט — עס קאָן זיך קוים גלויבן.

זי איז ניט אַליין דאָרט, סע טוט איר ניט אַרן,
עס קומען אַנטקעגן איר טיטאָף, גאַגאַרין.
קאַרפּענטער, שעפּאַרד זיך טיילן די פֿריידן,
פֿון וועלטלעכער פֿריינטשאַפֿט צוזאַמען זיי ריידן.

זיי אַלע דערלאַנגען איר בלימעלעך — שטערן,
און פּלוצעם פֿון בלימעלעך טייבעלעך ווערן,
טייבעלעך ווייסינקע, פֿליגלען פֿון שלום,
צו מירעלען קומען דערקוויקן אין חלום.

זי פליט אין דעם קאָסמאָס, — שוין באַלד די לבנה.
וואוהין זאָל זי גרייכן, צו וועלכיקער זאָנע ?
צו דער פאָן פון די יענקיס, צי גאָר פון די רוסן ?
וואוהין זאָל זי ברענגען די ערשטע גערוסן ?

זי וועט זיך באַגעגענען מיט די קאָסמאָנאַטן
וועט זי זיך צוזאַמען מיט זיי שוין באַראַטן.
און אָט האָט דאָס בעטל פאַרדרייט גאָר דעם דאַשעק
און ס׳פאַלט אַזוי ראַפּטום, און ס׳פאַלט אַזוי ראַשיק.

זי גיט זיך אַ טרייסל, און עפנט די אויגן.
זי איז אין איר צימער — איז קיינמאָל געפלויגן.
ס׳איז אַנדערע צייטן — ניטאָ וואָס צו ריידן, —
אַזוינס וואָלט זיך קיינמאָל געחלומט דעם זיידן.

שנייעלעך

שנייעלע ווייסינקעס דרייט זיך און דרייט,
אויף ווינטעלע טוט זיך באַקלאָגן,
דאָס ווינטעלע שטיפער
מיט וואַרעמקייט בלאָזט,
און טוט זיי — די שנייעלעך יאָגן.

שנייעלעך פאַלן אַראָפּ אויף דער ערד,
ווי דימענטלעך יעדעס באַזונדער,
איך שטעל אָן אַ הויפן,
עס פאַלט אַ בריליאַנט,
דער גלאַנציקער בלענדנדער וואונדער.

לייגן זיך שנייעלעך לייכט אויף מיין האַנט,
ווי פייכטינקע, קלייניקע שטערן.
פאַלנדיק גען —
פאַרגייען זיי גלייך,
ווי טראָפּעלעך נאַסינקע טרערן.

פלאַטערלעך, שנייעלעך, בלעזעלעך קלאָר,
באַדעקן די פעלדער, די בייטן,
קוקט אויס ווי נאַטור
וואָלט אין ווינטער געוואָלט,
מיט בליענדן צוויט זיי פאַרשפּרייטן.

שיטן זיך שנייעלעך, פעדערלעך ווייס,
ביז זון קומט אַרויס אַ צעשטראַלטע,
ווערט פראָסט דאַן אַ מידער,
און ס׳גלעזלט דאָס אייז,
און ס׳קאַפּען די טראָפּנס, די קאַלטע.

הייבן אָן פליסן די ריטשקעלעך דין,
רייסט זיך דאָס וואַסער דורך רערן,
ביז דאָס קרישטאָל־קלאָרע אייז וועט צעגיין,
ביז ס׳וועט דער שניי
מער ניט ווערן.

באָבע-זיידע און דער נייער דור

מאַמע, נעם מיך אויף דיין שויס,
דערציייל מיר פון מיין זיידן.
נאָר ניט פאַרגעס די באָבע אויך,
דערציייל מיר פון זיי ביידן.

שווער דאָס לעבן איז געווען
אויף יענער זייט פאַר יידן.
קיינער האָט רואיק ניט געלעבט,
געווען אָרעם, ניט צופרידן.

האָט דיין זיידע גלייך געמוזט
דאָס אַלטע לאַנד פאַרלאָזן.
האָט ער זיך אויפן רוישיקן ים
מיט שיף אַוועקגעלאָזן.

ס'איז דער ים ניט פריי פון ווינט,
פון שטורעם און פון רעגן.
ס'האָט די שיף געטראָגן זיך
דעם שטורעם גלייך אַנטקעגן.



האָט די שיף געוואָרפן זיך,
געציטערט ווי אין קראַמפן,
און דער רויך געדיכט און שוואַרץ,
געשלאָגן מיט די דאַמפן.

ענדלעך, דיין באָבע־זיידע
בשלום אָנגעקומען.
אין אַ נייעם פרעמדן לאַנד
גענומען פרייהייט בויען.

ס'איז דער טאָג קיין טאָג געווען,
פאַר מענער, סיי פאַר פרויען.
זיי האָבן זעלטן ווען געזען
די זון אין הימל בלויען.

גאַנצע טעג ביז שפּעט ביינאַכט,
פון טונקעלן באַגינען,
מאַנטלען, קליידעלעך גענייט,
געשטעפּט אויף די מאַשינען.

האָט דיין זיידע זיך באַקלערט,
ס'איז שווער אַזוי צו לעבן.
צו אַ קורצן אַרבעטס־טאָג
האָט ער גענומען שטרעבן.

האָט ער צו אַרבעטער גערעדט
אין שאַפּ, אויף די בולוואַרן,
גענוג ווי שקלאַפן אַרבעטן,
לאָזט זיך ניט אָפּנאַרן. —

עס וועט דער באַלעבאָס אַליין
קיין פרייהייט אייך ניט געבן.
אַרבעטן אַכט שעה אַ טאָג
וועט גרינגער זיין דאָס לעבן.

גייט אַרונטער פון דעם שאַפּ,
שטעלט אָפּ די מאַשינען.
גענוג פאַר ווייניק אַרבעטן
אַזוי פיל טעג און יאָרן.

ניט געווען גרינג אַ סטרייק
פאַר אַרבעטער צו פירן.
אונטער קלעפּ פון פּאָליציי
לעבנס אָפּט פאַרלירן.

אויף דער פּלייצע מיט גרויס שטאָלץ
געטראָגן די פּלאַקאַטן,
און געליטן הונגער, נויט,
וואָכן, טעג, מאָנאַטן.

אָבער ס'איז געוואָרן צייט
פאַר שפּיל און רו געפינען,
און אויף פוטער און אויף ברויט
גרינגער צו פאַרדינען.

געהאָלפן האָט ער בויען אויף
בריקן און טונעלן,
און גאָר הויכע מויערן,
איינס נאָך איינס צו שטעלן.

און רפואות נייענקע,
~~גוטע~~ האָט מען דערפונדן
אויף צו היילן קראַנקהייטן,
אויף צו היילן וואונדן.

אין טעאַטער האָט ער געשפּילט,
לידער האָט ער געשריבן,
און מוזיק פון אים פאַרפאַסט
איז פריש ביז היינט געבליבן.

אויך דיין באָבעס פרייהייטס־גייסט
וועט אייביק אונדז דערמאָנען,
אַז זי האָט פון אונדזער לאַנד
געטראָגן הויך די פאָנען.

און געטראָגן האָט איר שטים
אַ רוף צו אַלע פרויען
— גלייכע רעכט צו אַרבעטן
גלייכע רעכט צו בויען.

אין די ענגע טענעמענטס,
די טונקל-פייכטע הויפן,
זיינען קינדערלעך אָן לופט
געוואַקסן, דינע, בלייכע.

האָבן קינדער זיך געשפילט
אויף גאַסן און אויף שליאַכן,
צווישן לויפנדיקע טראָקס
ניט גרינג אין שפיל צו מאַכן.

ס׳איז די גאַס קיין זיכער פלאַץ
פאַר קינדער פריי זיך שפילן,
האָט דער באָבעס גוט האַרץ
ניט געקאָנט זיך שטילן,

האָט זי אָנגעפירט אַ קאַמף
פאַר שפיל-גערטנער, פאַר ריינע,
מיט הוידעס, גליטשערס, גרינעם גראָז
פאַר קינדערלעך, די קליינע.

האָט זי אָנגעפּירט אַ קאַמף
פאַר פילע, פילע יאָרן,
ביז עס זיינען שפּיל־גערטנער
פאַר קינדערלעך געוואָרן.

אירע ווערטער גאָלדענע
נאָך איר זיינען פאַרבליבן,
אויף סטאַטוע בראָנזענער
פון פרייהייט אָנגעשריבן:

„שיקט זיי די היימלאָזע פון שטורעם
געשליידערטע צו מיר,
מיין לאַנד באַלייכטן וועט פאַר זיי
די גאָלדענע טיר״.

מיט אמונה און מיט שטאָלץ
זיינען דיין באָבע־זיידע
צו דעם לאַנד אַמעריקע
געוואָרן שותּפים ביידע.

און געוואונטשן האָבן זיי,
זאָלן לעבן זאַט בשלום
זאָלן לעבן זאַט בשלום
צוקונפטיקע דורות...

אין שולע

גייען קינדערלעך אין שולע
נאָך דער זומערדיקער רו.
לויפן, רעשן, רעדן, טומלען,
שטיפן, שטייען, שפּרינגען צו.

אין דעם קלאַס־צימער איז וואַרעם,
קינדער־אויגל גליט מיט פלאַם,
און די שטימעלעך זיי רוישן,
ווי די כוואַליעס פון דעם ים.

און דער לערער ביי דעם שרייב־טיש,
ווי פון שיף דער קאַפּיטאַן,
מיט אַ ליבער שטרענגער פריינטשאַפט,
ווייזט דעם פּלאַץ פאַר יעדן אָן.

שרייבט מען, מעקט מען און מען צייכנט,
דער אַ שטיבל, דער אַ בלום,
דאָ אַ וואָרט, און דאָרט אַ ציפער,
ס׳הערשט אַ פלייסיקייט אַרום.

און דער זייגער ציילט און ווייזט זיי,
צוועלף ציפער מיט דער האַנט.
לערנט קינדער צו דערקענען
אַלע שעהען אויף דער וואַנט.

קלינגט דאָס גלעקל ווי ס׳וויל דאַנקען
יעדן איינעם פאַר זיין מי,
גיבן זיך אַ הויב די קינדער
צו דער טיר מיט פרייד און גלי.

ווער אויף הוידע, ווער אויף גליטשער,
ווער עס יאָגט זיך אַרום שול,
טראָגט זיך קינדערשער געלעכטער,
און די לופט מיט פרייד איז פול.

מיניען זיך אין הויף קאָלירן,
ווי די בלומען אויפן פעלד.
קומען באַלד אַהיים די קינדער,
יעדעס קינד אַ שול־העלד.

די ווײַסע דאַמע

אויף אַ גאַניק,
אויף אַ טרעפּל,
מיט געקרייזלט
שוואַרצן צעפּל,
נעגער־מיידעלע, אַ קליינס,
שפּילט מיט קעצעלע, אַ שיינס.

קעצל ווייס,
ווי מילך, ווי שניי,
גיט אַ שפּרונג,
אַ לויף, אַ דריי
לאַכט דאָס מיידעלע מיט גלי,
און דאָס קעצעלע, ווי זי.

נעמט זי קעצעלע
אין שויס,
שפּילט זי זיך
אין קאַץ און מויז.
מיידל קעצעלע ניט רייסט,
קעצל מיידעלע ניט בייסט.

קוקט זיך צו
די ווייסע דאַמע,
ווי זי וואָלט געווען
די סאַמע
באַלעבאָסטע איבער קעץ
און זי פּאַסט אויף, אויף געזעץ.

נעמט זי קעצעלע
אין האַנט
און זי ווערט בלאַס
ווי די וואַנט.
— אָ, דו קעצעלע פאַרלוירנס,
קום צו מיר אין מיינע אָרעמס.

מיר פאַר דיין
שיין ווידעלע,
גיי אַוועק,
דו מיידעלע,
דו, שוואַרץ־ברוינע מיידעלע,
ניט צי ביי איר דאָס ווידעלע.

פּיעשטשעט זי
די קאַץ און רעדט,
און די ווייסע פעל
זי גלעט,
און דאָס האַרץ אירס טוט איר ווי
פאַרן קעצעלע אַזוי.

נאָר זי קוקט
מיט גרויס פאַראַכט
אויפן מיידעלע
וואָס לאַכט.
און דאָס קינד, פול מיט חן,
האַלט צוריק פאַרדראָס, געוויין.

טרייבט זי דאָס מיידעלע
און יאָגט,
(דאָס געוויסן
איר ניט פּלאָגט)
זי איז אַ דאַמע — אַ צער בעלי־חיים,
זי געפינט אַ פריינט אַ נייעם

אין אַ הונט, אַ קאַץ און מויז
נאָר אַ נעגער־קינד — אַרויס!
און די דאַמע
איז נעבעך בלינד
צו דעם ווייטאָג
פון דעם קינד.

שלינג-איין דיינע טרערן!

עס ליגט אין דעם אָרון,
אין לעבלאָזער שטילקייט,
דער טונקעלער קערפּער
פון זיין גוטן פּאַ.

מיט ליפּן פאַרביסן,
מיט שטאָלץ און מיט טרויער,
מיט טויטן שטיל-שווייגן,
עס זיצט דאָרטן מאַ.

דער קבר ברייט אָפן,
ווי דאָס מויל פון אַ מאָנסטער.
אַרום און אַרום
זיינען בלומען פאַרשפּרייט,

פרישינקע בלומען
אין קראַנצן געפלאָכטן,
צו אייביקער רו,
אַ העלד ווערט באַגלייט.

זאָג, מאַ, — פאַרוואָס
איז מיין פאָטער דערשאָסן?
ער האָט ניט געגנבעט
ער האָט ניט גערויבט,

מיר האָבן דאָך אַלע
אַזוי הייס געליבט אים,
און יעדערער האָט אים
געשעצש און געלויבט.

איידער אַ פאָלק
ווערט באַפרייט, קינד מיין טייערס,
פאַלן קרבנות
אומשולדיק דערביי,

באַצאָלט מען מיט בלוט,
באַצאָלט מען מיט לעבנס,
דיין פאָטער האָט די נעגערס,
געוואָלט מאַכן פריי.

עס האָט אים קיין קויל
און קיין ביקס ניט געשראָקן,
ער האָט ניט קיין מורא
געהאַט פאַר דער האַק,

שווערער דער גייסטיקער
ווייטאָג געווען אים,
גרינגער צו ליידן
אַ זעץ אין דער באַק.

עס וועט אונדז זיין שווער
אָן דיין טאַטן, ס'איז אמת,
מיר זיינען ניט, קינד מיינס,
געבליבן אַליין.

שלינג־איין דיינע טרערן,
מיר וועלן בייקומען,
„מיר וועלן בייקומען" —
נעם זינג עס, ניט וויין.

טיף אין מיין האַרץ
איך פיל עס, איך פיל עס
איך פיל עס, איך פיל עס,
— מיר וועלן בייקומען —

זינג עס, ניט וויין.
דעם גייסט פון דיין פּאָטער,
עס לעבט אין דעם נעגער,
עס לעבט אין דעם ווייסן,

דו ביסט ניט אַליין.
קום, לאָמיר לייגן
די בלום אויף זיין אָרון,
און לאָזן אַ שבועה

ביים קבר דערביי:
— מיר וועלן ניט רוען,
ביז יעטוועדער נעגער
וועט זיין גלייך און פריי.

שלאָף מיין קינד

שלאָף, מיין קינד,
מיין שיינינקער, מיין גוטער,
עס וואַרט אויף דיר
אַ נייע וועלט.

עס האָבן זיך
דיין טאַטע־מאַמע
פאַר נעגער־רעכט
אין קאַמף געשטעלט.

דיין טאַטע וויל
קיין ביקס אין האַנט ניט נעמען,
פאַרגיסן וויל ער קיינעמס בלוט
אין אַלאַבאַמאַ, דזשאָרדזשיאַ, מיסיסיפּי.

ער זינגט,
מאַרשירט
מיט שטאָלץ
און מוט.

שלאָף, מיין קינד,
וואַקס אויס אַ גוטער, אַ שטאָלצער,
עס וואַרט אויף דיר
אַ פרייע וועלט.

עס עפנט זיך פֿאַר דיר
אַ טיר און טויער,
עס וועט דיין וועג
ניט זיין פֿאַרשטעלט.

וועסט מער ניט וואוינען
אין קיין קעלער,
ניט ראַמען מער
דעם פרעמדנס שמוץ.

וועסט אויסוואַקסן
אַן אינזשיניער, אַ דאָקטער,
דיין שוואַרצע האַנט
וועט זיין דיין פּוץ.

שלאָף זשע איין,
מיין קינד, מיין קליינטשיקס,
עס וואַרט אויף דיר
אַ פריידיקע וועלט.

עס האָט דיין טאַטע,
עס האָט דיין מאַמע
דעם האַס צום נעגער
אָפּגעשטעלט.

וואָס פון מיר זאָל ווערן

איך טראַכט און טראַכט,
קען ניט באַקלערן ;
וואָס איך וויל
פון מיר זאָל ווערן.

זאָל איך אפשר
זיין אַ בויער
פון אַ גרויסן
הויכן טויער ?

זאָל איך זיין
אַ האָלץ־זעגער ?
צי אַ ליים־ און ציגל־
טרעגער ?

צי ליכט־טורעמס
אויף אָקעאַנען
בויען פאַר
די קאַפיטאַנען ?

צי אַ בויער
פון מאָטאָרן,
פון מאַשינען וועלכע פאָרן

אָ, צו וואָס מיר
בויען, מאַכן ? —
גרינגער איז
צו קויפן זאַכן.

צי פון שיפן,
צי פון באַנען,
צי פון דזשעטס
און עראָפלאַנען ?

קען איך זיך שוין
גלייך באַקלערן —
עס דאַרף פון מיר
קיין זאַך ניט ווערן.

בלויז אַ יינגעלע
ווי איך,
וואָס קאָן באַטראַכטן זיך
אויף גיך.

איידער איך גיי אין בעט אַריין

ווי די זון הייבט אָן פֿאַרגיין,
זאָגט מען שוין ס׳איז שפּעט.
מוז איך איבערלאָזן אַלץ
און שלאָפֿן גיין אין בעט.

וואָלט איך גערן עס געטאָן,
כ׳וואָלט ניט געהאַט פֿאַרדראָס —
ווען ניט באַזאָרגן כ׳וואָלט באַדאַרפֿט
אי דאָס, אי דאָס, אי דאָס.

דאָס פּנים אָפּוואַשן מיט זייף,
די ציינער מאַכן קלאָר,
אויסוואַשן גוט די אויערן,
פֿאַרקעמען נעט די האָר.

דעם האַנטעך מוז איך אויפֿהענגען,
וואָס פֿאַלט נאָר אויפֿן דיל,
די „מאַרבעלס״ מוז איך אויפֿקלייבן
און אַלץ מיט וואָס איך שפּיל.

איידער איך גיי אין בעט אַריין,
גיב איך מיר אַ טראַכט:
צי וועט דאָס בעט מיך אויסהאַלטן
די גאַנצע לאַנגע נאַכט.

אויף מאַטראַץ איך שפּרינג און צייל —
איינס־צוויי־דריי־און־פיר,
ווייס איך שוין ווי ווייך און גוט
דאָס בעט וועט זיין פאַר מיר,

כאָטש איינמאָל כ'מוז אַריינכאַפּן
זיך שטעלן אויפן קאָפּ,
און זען ווי ס'קוקט דאָס צימער אויס
פון אונטן אויף אַראָפּ.

האַלט איך שוין ביים איינשלאָפן,
רואיק ליג אַקאָרשט,
דערפיל איך אַז עס קומט מיר אָן
אַ פלוצלונגדיקער דאָרשט.

און דאָס וואַסער גראדע איצט
האָט עפּעס אַלע טעמים.
דאָס בעסטע איידער איך שלאָף איין
נאָך איינמאָל זען די מאַמע.

אַ פ י ד ל

הענגט אַ פידל אויפן וואַנט,
בענקט און וואַרט אויפן מוזיקאַנט.

ווי ער גיט זי נאָר אַ נעם,
טוט זיך פידעלע אַ קלעם.

זאָג נאָר, פידעלע, זאָג מיר,
וואָס אַזוינס עס מוטשעט דיר?

כ׳וויל ניט בלייבן דאָ אַליין
כ׳וויל צו דעם אָרקעסטער גיין.

מיט דער האַרפע, טשעלאָ, באַס
קען מען מאַכן פריידיק שפּאַס.

די וויאָלאַ, פּויק און פלייט
מיט מיר שפּילן זיינען גרייט.

כליפּעט פידל מיט געוויין,
ווייל זי וויל ניט זיין אַליין.

מיין שעפּס

עס איז מיין שעפּס אין גרינעם פעלד
אַ מאַמע היינט געוואָרן,
דאָס ניי־געבוירן שעפּעלע
קוקט־אויס ווי גאָר פאַרלאָרן.

אויף די דינע פיסעלעך,
זי מאַכט אַ פּרואוו זיך שטעלן,
זי פאַלט אויף צוריק, די שוואַכינקע,
טוט מאַמע פון איר קוועלן.

עס גייט אַוועק אַ שעה, צי צוויי,
זי קאָן שוין טאַנצן, שפּרינגען.
— מע־מע — איך הער איר שטימעלע,
מיר דוכט דאָס וויל זי זינגען.

עס ענטפערט אָפּ די מאַמע שעפּס,
דאָס גיט זי איר הסכמה,
אַרומלויפן, אַרומשטיפן.
זי וואַקסט דאָך אַ חכמה.

וואַנדערט שעפּעלע אַוועק,
ווייט פון מאַמעס אויגן,
לאָזט ניט שעפּס און רופט צוריק,
קומט שעפּסל מאַמען זויגן.

דרייט דאָס קליינע ווידעלע,
שנעלער פון אַ וויכער,
שלינגט דער מאַמעס וואַרמע מילך,
פילט זיך פריילעך, זיכער.

קוקט די מאַמע פול מיט שטאָלץ,
קליינטשיקע צופּט אַ גרעזל.
— אַ געזונט אין דיין געביין —
קושט זי איר דאָס נעזל.

פרייט זיך שעפּס, עס וועט איר קינד
וואַקסן ווי אויף הייוון.
— שעפּסן, שעפּסעלעך, איר הערט,
ניטאָ אויף איר קיין מבין.

אין סופּער־מאַרקעט

ווען די מאַמע גייט איינקויפן,
האָב איך ליב פאָרויס צו לויפן;
ווי איך קום נאָר צו דער טיר,
עפנט זי זיך גלייך פאַר מיר.

גיי איך צו באַקוקן זאַכן,
ווי די טירן זיך פאַרמאַכן,
טראַכט איך, וואונדער זיך און יישוב,
איז אין דעם פאַראַן אַ כּישוף?

כ׳גיי אַריין און כ׳גיי אַרויס
און נאָך אַמאָל פּרוביר עס אויס,
עפנט זיך פאַר מיר די טיר
אָן מיין מינדסטן באַריר.

העלף איך מאַמען וועגל פירן,
ווער פאַרבלענדט פון די קאָלירן,
סופּער־מאַרקעט, גרויסער וואונדער,
אַלץ אין איינעם — אַלץ באַזונדער.

קויפט די מאַמע איין דאָס עסן;
מאַמע ליבע, האָסט פאַרגעסן:
„באָבל־גאָם",
פּרעצלס,
אַ קוכן,
אַ קיכל,
אַ ביקסל,
אַ פערדל,
אַ שיפל,
אַ ביכל —
און פלעשעלעך „קאָלאַ"
אַ טוץ, ניט מער;
אַ שטיק שאָקאָלאַד
ווער וויל עס ניט — ווער?
עס וויל מיך די מאַמע אַפילו ניט הערן,
איך בעט זיך, זי לאָזט ניט, איך קאָן ניט דערקלערן;
איך קלאַפּ מיט די פיס און איך שריי און איך וויין —
נאָר ס'וויל ניט די מאַמע פאַר קיין פאַל פאַרשטיין.

אַזוי פיל צו קויפן, אַזוי פיל צו נאַשן,
עס דוכט מיר — איך הער אַלעס רוישן און ראַשן...
אַריין בין איך פריילעך — אַרויס פול מיט טרערן —
מיך האָט סופּער־מאַרקעט צעטומלט, כ'קאָן שווערן.

די וועלט איז פול מיט וואונדער

עפן דיינע אויגן ברייט,
די וועלט איז פול מיט וואונדער,
שליס זיך אָן אין קאַראַהאָד,
ס׳איז אומעטיק באַזונדער.

אַלע קינדער זיינען גוט,
מערסטע זיינען שיינע,
פיסלעך, זיי זיינען פלינק
און הענטלעך אויך ביי קליינע.

שפּאַצירן וועט מען קאָנען באַלד
אין הימל צווישן שטערן,
אַנטפּלעקן וועט זיך ווידער סוד
פון גאָר די הויכע ספערן.

די הויכן זיינען גאָר ניט ווייט:
אַ פלי — און ביסט אין הימל,
לאַדט לבנה דיך צו גאַסט,
דערפריי זי מיט אַ בלימל.

פריי זיך, קינד, ס׳איז דיין קאַיאָר,
די זומער־טעג ערשט קומען,
גרייט די קערבעלעך, גרייט־אָן
פאַר פריש קאָלירטע בלומען.

...און פאַר גרויס

סאָנאָמאַ בערג

סאָנאָמאַ בערג!
אין זומער זייט איר — בלאָנדער גאָלד,
איןווינטער — גרינע סאַמעט־קעפּ.
אין זון־פאַרגאַנג, ווי רויטער ווייַן,
וואָס שפּריצט מיט צוויט פון פייכטן סטעפּ.
די טרויבן־ביימער — טרעפּ אויף טרעפּ,
ווי פּערל־ציר אויף באַרג זיך ציט.
אין סאַמע הויך דער ווייסער שניי,
און אונטן — ווייַנטרויבן צעבליט.

דער זון־אויפגאַנג דעם נעפּל הויבט
און זויפּט אים אָן מיט שוים פון וויין.
דער גרינער הויב פון באַרג זיך ציט,
די ערד זי זאַפּט דעם טוי אַריין.

איר האָט אַ רייַך, סאָנאָמאַ בערג!
אייער באַרג, אייער טאָל מיך לאָקט.
כ׳האָב אייער גראָז און בלום געגלעט,
מיין דאָרשט געשטילט, מיין צער פאַריאָגט.
איר זייט אַ פרייד פאַר יעדן אויג.
ס׳איז שטיל און רואיק אייער זיין.
ניטאָ קיין קנאה דאָ ביי אייך,

ס׳איז דאָ בלויז פרייד אין אייער גאַנג.
עס ברענגט אייך פויגל זיין געזאַנג
און וויל אַ שותף צו אייך זיין.
דזשעק לאָנדאָנס היים, לבנהס טאָל
געלאַסן בענקט נאָך דעם אַמאָל.

דער ווײַן־קעלער וואָס שטייט ביים וועג
דעם זאַפט פון ווייַנטרויבן צעמאָלט.
עס פליסט דער וויין ווי פון אַ קוואַל
בורגענדי, פּאָרט און מאָסקאַטעל.
די בערג באַפּינטלט פול מיט קי,
און שעפסן־סטאַדעס גראָזן ציפּן.
און אָוונטן וואַרט דער טייך אויף שאָף
וואָס קומען דאָרט דאָס וואַסער זופּן.

סאָנאָמאַ בערג!
איך זוך אין אייער הויך מיין רו,
אין דעם פּורפּור רויט וואָס זון פאַרשפּרייט
איידער די שוואַרצע נאַכט פאַלט צו.
איר קוקט אין פענצטער מיינס אַריין,
און רייצט זיך מיט מיין וואַנדער לוסט.

ס׳האָט לוטער בורבענק אייערע בלימעלעך
דערפרישט,
און נייעם וואוקס און כוח זיי געגעבן.
ס׳האָט קוירנעל פרימאָנט זיין אַרמיי אַהער
געפירט
געזוכט אַ לאַנד אַ ניי און לעבן פריי.

סאָנאָמאַ בערג!
מיט די אוצרות פון דער טיף
געזעטיקט וואָלט איר וועלט,
ביי יעדנס שמחה אויף אַ טיש
וואָלטן פלעשער ויין געווען געשטעלט.

איר מאַכט פון זון־אויפגאַנג מיין וויין,
ס׳איז ליבשאַפט, שלום, דאָך פאַראַן,
מוז ליבשאַפט זיין דער וועלט באַשערט.
סאָנאָמאַ בערג, איר זייט מיר ליב
איר האָט די טעג מיינע באַהעלט.



נאַטור און מענטש

געפלאָכטן שטייען באַרג און פעלד ;
דעםברייטן שליאַך די זון באַהעלט.
עס נידערט האָריזאָנט אין ווייט,
געטונקט אין ליכט ווען זון פאַרגייט.
אַ ווייס שטיבל דאָ־און־דאָרט
זיצט איינגעטוליעט אויף אַן אָרט.

איך וויל זיך גריסן מיטן טאָל,
זיך צוהערן צום טיפן קול,
צום רוישיק ריזלען פון דעם קוואַל,
צום פרייען זיך פון נאַכטיגאַל ;
פון זשעדנע זשאַבעס — אַ געברום —
עס וויל קיין זאַך ניט בלייבן שטום :
ווער רעדט פון צער, ווער זינגט פון פרייד,
דאָס האָט די נאַכט דעם טאָג באַגלייט...

איך פיל דעם אָטעם פון דעם וואַלד,
עס גרינען ביימער יונג און אַלט ;
עס ציטערט בלאַט און זויגט דעם טוי
און פלאַטערנדיק רוישט אַזוי...
עס צעשיט זיך ברייט אַ שטראַל,
אַ דין־קאָלירטער וואַסערפאַל ;
שטיל־פאַרנעפלט ווי אין טרוים
וויגט זיך קאָפּ פון גרינעם בוים.

עס וועקט דעם באַרג פון טיפן שלאָף
אַ שטילע, צופנדיקע שאָף.
מיט יעדן ריר, מיט יעדן בלאָז
אָטעמט באַרג מיט פרישן גראָז.

דער רוים איז פריי, די ערד ניט האַרט,
עס פליט פאַרביי אַ שוועלבל צאַרט
צו ליבעס־נעסט, צו ליבעס־רוף —
עס פליט און שוועבט דעם פויגלס גוף...

עס שטערט ניט שוועלבעלע דער טויב;
ווינט טראָגט פאַרביי דעם בלומענשטויב.
ווי וואָלט געווען, ווען מיטאַמאָל
הייסט באַרג גאָר איינשטומען דעם טאָל?

ווען זון דעם קילן באַרג באַפעלט
ניט וואַרפן שאָטן אויפן פעלד?
ווען נאַכט וואַרפט־אָן אויף טאָג אַ שרעק
און טרייבט די ליכטיקייט אַוועק?...

ס'וואָלט גראָז געברוינט און בלום געדאַרט,
אויף רעגן וואָלטן זיי אומזיסט געוואַרט.
פאַרגעלט פון ליים און אויסגעצערט
וואָלט ברודיק פּנים פון דער ערד.
ס'וואָלט וואַלד צעשאָטן זיך ווי מעל,
פאַרשטומט וואָלט פויגלס פלייטן־טרעל.

נאָר, ניין: עס האָט קיין כוח אין דער וועלט
דעם פרייען גייסט פון מענטש פאַרשטעלט!

כ׳וויל אויסבויען אַ טורעם

כ׳וויל אויסבויען אַ טורעם ביז די הימלען
מיט גלאָקן פון דעם הילכיקסטן מעטאַל.
זיי זאָלן הויכן שפּאַלטן און די ערד פאַרטומלען
מיט מאָנענדיקע קלאַנגען איבעראַל.

ס׳איז יאָרצייט נאָך די מאַמעס און די טאַטעס
און די קינדער אין די גאַז־קאַמערן פאַרברענט.
אין בגדים מיט די געלע „יודען״ לאַטעס,
דורך נאַציס מלאך־המותדיקע הענט.

כ׳וויל אויסבויען אַ טורעם ביז די הימלען,
און רויט ווי בלוט זאָל יעדער ציגל זיין.
און ניט דערלאָזן וועלט זאָל רואיק קענען דרימלען,
זאָל וועקן עס דער ווידערקול פון פּיין.

כ׳וויל אויסבויען אַ דענקמאָל פאַר מאַרטירער;
די העלדן וועמען וועלט האָט ניט געקענט.
פון געטאָ אויפשטאַנד — קדושהדיקע פירער,
וועמענס בלוט עס האָבן איינגעזאַפּט די ווענט.

כ׳וועל אָנצינדן אויף טורעם שילד פיר אותיות,
אַז הימל זאָל זיך צינדן פון דעם פלאַם!
„נקמה״ איז דאָס וואָרט, דאָס וואָרט דאָס גרויסע,
פאַר זעקס מיליאָן געפאַלן פון מיין שטאַם.

דער נר־תמיד אויף דעם סאַמע שפּיץ פון טורעם
זאָל זיין אַן אייביקע דערמאָנונג צו דער וועלט;
אַז אויב עס קלייבט זיך ערגעץ וואו אַ שטורעם,
צעברויז זיינער מוז ווערן אָפּגעשטעלט!

און די צוואה פון די קדושים זאָל אויסשאַלן,
ווי לאַנג די וועלט וועט אָטעמען, מיט לעבן:
זעקס מיליאָן אומשולדיקע געפאַלן!
אייביק ניט פאַרגעסן! ניט פאַרגעבן!

ס׳האָט אַ ראָזע זיך באַוויזן

ס׳האָט אַ ראָזע זיך באַוויזן
אויף אַן אָפּגעבליטן בוים.
ווי ס׳טרעפט אָפטמאָל אין זכרון
שוועבט אַדורך אַ יוגנט־טרוים.

האָסט באַוויזן זיך גאַנץ שפּעטלעך,
נאָר ס׳איז גוט וואָס דו ביסט דאָ.
ווידער דאַרפסטו באַלד אַוועקגיין?
איז כאָטש גוט איין חיי־שעה.

ביסט געקומען, ביסט אַנטרונען,
ווי אַ ליכט אין האַרבסט ביינאַכט,
האָסט מיר אָבער אויף אַ ווײַלע
יוגנט־פרייד צוריק געבראַכט.

שכנים

איך גיי און גיי אַרום מיין הויז.
ווי שטיל און רואיק ס'איז מיין גאָרטן.
דאָס ווינטעלע, וואָס גלעט מיין בוים,
גלעט אויך מיין שכנס ביימל דאָרטן.

די זעלבע זון אין הימלבלוי
שיקט־צו אַ שטראַל אויף מיינע גראָזן.
די זעלבע זון, דער זעלבער שטראַל
האָט אונדזער ביידנס שניי צעלאָזן.

עס ברענגט די זוימען פון מיין בלום
אַ פויגל צו מיין שכנס גאָרטן.
עס האָבן גראָזן, בלום און בוים
אַ פריינטשאַפט אייביק פאַרפלאָכטן.

עס באַהעפט זיך גרין מיט גרין
און קוסט מיט קוסט זיך האַלדזן, גלעטן;
עס שמייכלט דאַפאָדיל צו בין,
זי לאַדט זי איין איר הונגער זעטן.

עס ברענגט די בין דעם האָניק־גאָלד
צום בינשטאָק אין מיין שכנס גאָרטן;
איך שיק דורך פרילינג־בלום מיין גרוס,
און פריי זיך מיט איר שפע דאָרטן.

אינטים איז וועלט אין גאָרטן דאָ,
עס וואָרקען תמימותדיק די טויבן.
איך שטרעק צום שכן אויס מיין האַנט,
און עס פאַראייניקט אונדז איין גלויבן.

מיין לאַנד

מיין לאַנד! עס פירט דיין שיף דער קאַפּיטאַן,
אין טיפער פינצטערניש, אויף שטורעמדיקע ימען;
פאַרזונקען ווערט דער רוף פון לייכט־טורעם ביים ברעג,
עס שטויסט דער ווינט דיין שיף אַרויס פון דיינע ראַמען.

צינד־אָן דיין ברעג! און זאָל דיין שיף דערזען
די האָריזאָנטן דיינע, ליכטיקע און קלאָרע!
זאָל דזשעפערסאָנס, לינקאָלנס און רוזוועלטס שטאָלץ
אַרויסשיינען מיט זייער גלאַנץ און גבורה!

היט־אָפּ דיין שיף! האַלט פעסט זי ביי דעם ברעג!
עס האָבן פעלקער זיך געשלאָגן פאַר דיין פרייהייט!
די פרייהייט־מאַמע שיינט עקשנותדיק און רופט
דאָס פאָלק זיך צו פאַראייניקן אין ברידערלעכער טרייהייט.

דער שטורעם־ווינט צערייסט די כוואַליעס בייז,
און רייסט דיין שיף אין ים אַוועק פון ברעג;
אין טיפער פינצטערניש פאַרלוירן ווערט דער וועג
און שווער דער גאַנג צוריק וועט זיין אין קלאָרע טעג!

איז פיר דיין שיף צוריק צו דיינע ברעגן
כל־זמן דיין לאַנד איז רחבותדיק און פריי!
יעדער שאַפער זאָל ווידער קאָנען שאַפן, זינגען,
דאָס לעבן בויען אויף־דאָס־ניי!

עקאַליפּטוס

שטייען עקאַליפּטוס־ביימער,
ווי די וועכטער אויף מיין פעלד.
לאָזן ווינטן ניט צוקומען,
ס'ווערט די הייסע זון פאַרשטעלט.

עקאַליפּטוס הויכע, שלאַנקע,
זיינען בויגעוודיק און צאַרט.
בלעטער־דינע, לאַנגע פינגער,
גאַנצע הורבעס אָנגעשאַרט.

קאָרע־ליענטעס, גרויע סטענגעס,
פון די גרינע קעפּ זיך ציען;
אונטן, אויבן — ווייסע קוויטן,
אויף די ביימער זיך צעבליען.

קעגן הימל ליכטיקן בליען,
שעפּטשען סודות אין דער הויך,
בויגן־אָן זיך איינס צום צווייטן,
ווילן פויגלען הערן אויך.

קלייבן טראָפּנס פון דעם נעפּל
אָנגעקאַפּעט דורך דער נאַכט,
פון דעם ים, פון אויסגוס ברייטן,
פייכטע לופט האָט מיטגעבראַכט.

פעלדער דאָרשטיקע און בלייכע,
זון פאַרטריקנט האָט דעם גלאַנץ;
עקאַליפּטוס שיינקט די טראָפּנס.
און דערפרישט פאַרוועלקטן פלאַנץ.

קילע לופט איז אָנגעצויגן
מיט דעם שטאַרקן אַראָמאַט,
פון דעם בוים־שטאַם אָפּגעשיילטן,
פון דעם פאַלנדיקן בלאַט.

עקאַליפּטוס איינגעוואָרצלט
האָט זיך אין דער ברייטער טיף.
פון אויסטראַליע האָבן אָבות
מיטגעבראַכט זיי אויף דער שיף.

רייסט דער שטורעם פון זיי צווייגן,
פאַלן שטיקער מיט אַ קראַך.
צאָרנט אויף דער עקאַליפּטוס,
שטעלט זיך שטאַרקער אויף דער וואַך.

עקאַליפּטוס, „רעדוואוד״, דעמבע —
אַלע ציען זאַפט פון דר׳ערד,
זונען־שטראַלן, טוי און רעגן —
יעדן בוים די ערד געהערט.

שלאָף מיין צאַרטע לערערין

שלאָף, מיין צאַרטע לערערין,
אין שטילן שלאָף אויף אייביק.
האָסט געלערנט מיך צו זיין
געדולדיק, גוט און גלויביק.

די זון וואַרעמט אויס די ערד,
דער פרילינג איז דאָ ווידער.
שלאָף, מיין צאַרטע לערערין,
לעם קבר דיינעם כ׳נידער.

ס׳איז דיין קבר פריש און פייכט,
און אַלץ אַרום אין דרימל,
שלאָף, מיין צאַרטע לערערין,
אונטער פרייען הימל.

אַ ווייך ווינטעלע צעבלאָזט
דעם ריח דאָ פון בלומען,
שלאָף מיין צאַרטע לערערין,
דיין רו איז איצט געקומען...

ס׳קומען שוואַלבן דיר צו גאַסט,
תמימותדיקע, שטילע,
שלאָף, מיין צאַרטע לערערין,
זיי זינגען דיר אַ תפילה...

אין דיין לעבן ביסט געגאַנגען
אויפֿן וועג פֿון שלום,
שלאָף, מיין צאַרטע לערעריִן,
אין שלאָף וואָס קומט אָן חלום.

ביסט ביים שרייב־טיש מער ניטאָ,
וועסט ניט קומען — ווידער.
בלייבט מיר וויטער גיין דיין גאַנג,
דיין גייסט — אין מיינע לידער...

האָבן בלומען זיך צעבליט

ס׳האָבן בלומען אין מיין גאָרטן
אַלע, אַלע זיך צעבליט,
יעדע בלום איז ווי אַ כלה,
אויסגעפּוצט מיט פֿרישן צוויט.

גיט אַ בלאָז מיט גלי אַ ווינטל,
דאַכט מיר שפּילט און פּייפט אַ פֿלייט.
דאָס געזאַנג פֿון יונגע פֿייגל
ווערט פֿון פֿייגל־כאָר באַגלייט.

גיט אַביימל אַ פֿאַרנייג זיך,
טוט אַ בלימל זיך אַ בויג,
דאַכט מיר, אַז ס׳איז ניט קיין בלימל,
נאָר אַ צאַרטע יונגע אויג.

טוי באַשפּריצט די גרינע בלעטער
און די בלומען דין און לייכט.
דאַכט מיר אַז די רויטע בלומען
זיינען ליפּן פול און פייכט.

וואַרעמט זון אויס גוט די צוויטן
מיט אַ גאָלד און זילבער שטראַל,
זאַפּט זיך אָן די בלום, עס דאַכט מיר
פול מיט קראַפט פון לעבנס־קוואַל.

